# די אַלְטֶע לִיבֶּע רָאסְטֶעט נִיכְט

מאת אמ״ד.

ווילנא
ברפוס האלמנה והאחים ראם
שנת חרל״ו לפ״ק

# ДИ АЛТЕ ЛИБЕ РОСТЕТЪ НИХТЪ

Старая любовь не испаряется,

Повѣсть А. М. Дика

ВИЛЬНА.
Въ типографіи Вдовы и братьевъ Роммъ,
на Жмудскомъ переулкѣ въ домахъ
подъ № 327 и 328.
1876.

836

Y 3165.17.10
~~JLM 3165.17.10~~
~~JC 78.1.12.~~
Harvard College Library
Gift of
LEO WIENER,
Nov. 16, 1898.

SCHILLER

Дозволено цензурою. 6 Октября 1875 г. Вильна.

1.

## „איינע קליינע פאררעדע"

דער הויך בערימטער טייטשער דיכטער (פאעט, אדער משורר) פרידריך פאן שיללער. זאגט אין זיינעם געדיכט (ליד) וואס הייסט דיא האפנונג „דיא וועלט ווערט אלט און ווערט ווידער יונג דאך דער מענש האפט אימער אויף פאר בעסערונג" וויא אויך דיזע צווייא קליינע ציילען קלינגען זייער שיין. דאך ניט אלע פערשטייען דער פון דעם וואהרען מיין. דאס הייסט אנעלכע מיידכען און פרויען וואס עס איז זייער פערשטאנד גאנץ ווייניג עם אנצוטרויען. דאהער נעהמע איך מיר דא דיא מיהע העכסט גערען. אום דיזע פאר ציילען איין עטוואס צו ערקלערין. דאס הייסט איינע קליינע מיינונג וואס אנבעלאנגט צוא אונזערע ערציילונג.

ער מיינט אזוי. דיא וועלט (דאס הייסט דיא מענשליכע געשלעכט בכלל) ווערט אלט (דאס הייסט קלוג וויא יעדער איינער צוא דיא עלטערע יארען) און ווידער יונג (דאס הייסט דום וויא איין יונגעם קינד) און האפט אויף פאר בעסערונג (דאס הייסט מען מיינט דאס מיט דער צייט וועט זיך דער עולם בעסערען) און אזוי וועט עס אימער פאסירען. און פילייכט איז עס דער מיין פון דעם וואס דער שר העולם זאגט דארט אין פרק שירה „נער הייתי גם זקנתי" איך בלייב איין קינד ביז אין מיינעם גרויסען עלטער. דען מיר האבען אונז געאירט און וועלען אונז אימער אירען אין אונזערע וואהלען (אויס קלייבונגען) און בייטען זייער אפט מאנכע אלטע (פערצייטיג) גוטע זיטע אויף

אויף

אויף איינער נייע ; אשלעכטע , וויא מיר בייטען איטער
אלע טאג אום איין דאגה אויף איינע אנדערע דאגה אום
איר שענערען נאמען ווענען נור . אונ גיבען נאך צו נאפ
דער צו . אם דייטליכסטען איז דיזער פאל צו זעהען אין
אונזערע היינטיגע פארטיען (שידוכים) . דער געזונטער
מענשען פערשטאנד (דער שכל הישר) וויל האבען . דאס
איינגער מענש דארף נעמען אווייב אן אגראסען געלט . אונ
אן קליידער . וויא אדם האט גינומען דיא חוה . אונ נאכהער
אלס דיא מיידכען וואס ווארען נאך דיא חוה . וואס
ווארען שוין ניט מעהר אן עלטערען וויא זיא . ווארען
זיא (דיזע מיידכען) איינגעהאנדעלט פון זייערע פאטער
אונ מוטער וויא איינע טייערע וואהרע פאר שווערעס
געלד . פון זייערע מענער . ווייל זייא (דיא מענער)
האבען פאר שטאנען דעם ווארען ווערט פון אפרויא .
דען איינע טיכטיגעס (געהעריגע) פרוי בעקליידעט (פערטרעט)
דיא שטעלע פון דרייא ווייבס פערזאנען . וואס קוים איינע
פון זייא איז פאר געלט צו בעקומען . אונ דיא אנדערע צווייא
לאזט זיך ניט ערקויפען פאר כל הון דעלמא . דען אפרויא
וואס איז איינע אשת חיל . איז דעם מאן איינע דינסט
איינע מוטער אונ איין ווייב וואס בעגליקט אים מיט
קינדער . לבד דעם וואס אונזערע חכמים רעכענען אויס
וואס פאר פריידען אונ גליקען איינע ארענטליכע פרויא
בריינגט אריין איהרעם מאן אין שטוב*) אונ אזוי האבען
זיך געפיהרט אונזערע אבות . אברהם אבינו לא די וואס
ער

*) אונזערע חכמים זאגען דאס ווער עס לעבט אן אפרויא
לעבט אן גוטעס . אן הילף . אן פריידען . אן פערגעבונג .
אן זעגען (ברכה) . אן שלום . וויים ניט פון איין לעבען :



ער האט ביא רבקעס עלטערען קיין גראסען גענומען *)
האט ער נאך זייא רייך בעשאנקען איהר פאמיליע . דאס
גלייכען האט יעקב קיין געלט גענומען ביא דעם לבן אונ
האט אים נאך גאנצע פערצעהן יאר געדינט פאר זיינע
צווייא טעכטער .
אין אונזערע צייטען (ליידער) וואס אונזער דור האלט
זיך פאר פיל געבילדעטער אונ געזיטעטער אלס דיא פאריגע
דורות זיינען דיא מיידכען אונ פרויען אזוי וייט געזונקען
אין פרייז . דאס איין מיידכען זעלבסט דיא שענסטע אונ
דיא געבילדעסטע איז בכח בדלות צו שטעלען דיא רייכסטע
עלטערען מיט איהר אויסגעבען איר**) . אונ פאר געווים
ליגט דיזער איבעל פיל מעהר אין דיא אונזערע זוי גענאנענטע
צווילזאציע (בילדונג) . ווייל מיר זעהען דאך וואס מעהר
איין לאנד איז געבילדעט . בלייבען דארט פיל מעהר מיידכען
זיצען אן מאנען ביז דעם גראען צאפ אלס אין אנדערע
לענדער . אם מעהרסטען איז עס צו מערקען אין איינגלאנד .
עס איז דארט שוין אזוי וייט געקומען מיט דען מיידכען . דאס
מעהר

*) (מדרש חיי שרה וישלחו את רבקה ויברכו את
רבקה . אמר ר׳ איבו דווים ושפופין היו ולא מפרינין אלא
בפה) דאס הייסט זייא ווארען גאנץ ארעם (דיא עלטערן פון
רבקה) אונ זייער גאנצער נדן וואס זייא האבען איר געגעבן
איז בעשטאנען נור אין דער ברכה וואס זייא האבען איר
געבענצט .
**) דאהער זאגט מען איטער ער איז שכור וויא לוט אונ
ניט וויא נח . ווייל נח האט געמעגט זיין שכור . דען ער
האט געהאט דרייא זין . לוט אבער האט געהאט צווייא
טעכטער וויא קומט ער דער צו . דוא מוזט דאך שוינען דעם
גראסען .

מעהר אלס צעהען טויזענד טעכטער פון דער געמיינע קלאסע ווערען פערזאנדעט (פערשיקט) נאך אסטראליען *) אום צו פערהייראטען זייא דארט מיט דיא יונגע קאלאניסטען. אונ דיא טעכטער פון אדעל פערדייזען נאך אסטאינדען. אום צוא פערהייראטהען זיך דארט מיט דיא דארטיגע יונגע מיליאנערען. נאך מעהר פילע איינגעלשע טעכטער גייען דארט איבער צום אידישען גלויבען. אום צו קענען הייראטהען אידעשע יונגע לייט. אונ ווייל עס זיינען דורך דעם געבליבען זיצען פיל אידעשע טעכטער אן מאנען. האט דער דארטיגער ראבינער דאס פארווערט.

אגעוויסע פראבע דער פון פעלט אונז ניט זעלבסט אין אונזער לאנד. דען מיר זעהען דאך דאס יעדער יונגער מאן וואס מאכט נור דעם מינדעסטען אנשפרוך (פראטעזיאן) אויף בילדונג פערצענעוועט זיך שוין אין טויזענדע רובל הינזיכטליך (און אטנאסענע) פון איינער פארטי (שידוך). אונ ווער רעט שוין פון אדאקטער. פון איינעם יוריסט. פון איינעם אפטייקער. זעלבסט פון אזעמלעמער. פאר דיזע לייט איז שיינהייט. מאלענט. פאמיליע. אונשולד. אין גוטעם הערץ איינע אונגילטיגע מינצע. דיא פלאטאנישע**)



*) דאס איז איין פינפטער וועלט טהייל וואס ווארגעפונען שפעטער אלס אמעריקא. וואס זיין שטח איז מעהר אלס צווייא מאל הונדערט טויזענד קוואדראט מייל. אונ געהערט צו איינגלאנד. מען האט איר דר וויסט בעוואוינט פון ווילדע מענשען. אונ אויך זייער שיטער.

**) פלאטאנישע ליבע הייסט איינע גייסטיגע ליבע. דאס הייסט דיא ליבע וואס מען האט צוא איינער פרויא נור מצד איהרע גרויסע מעלות אונ אום איהרע ערהאבענהייט איבער אנדערע. אבער ניט אוים הויליע פרויען ליבע.



ליבע איין נול. איין שאללעס (פוסטעס) ווארט. ער דאכט נור (אויסגעטראכט) אין האלען (פוסטען) געהירען (מוח).

שפורען (סלאדען) פון דיזער פעלער (דאס הייסט צו פערלאנגען געלט פון דער ברויטס (כלה'ס) עלטערען) איז צו מערקען געוועזען שוין אין דען גרויען צייטען. ביי אונז אידען אין בית ראשון נאך. אונ ביי דיא באבליאנער (אנשי בבל). ביי אונז אידען איז צו מערקען פון דעם מאמר (גאדאנע אדער זאגע) וואס אונזערע חכמים דער ציילען אין פילע שטעלען פון דער גמרא (תענית ל' ב"ב ק"ט אונ איבערהויפט אין מדרש איכה ל"ג) דאס נאך ווארען ניט אזעלכע פריידען טאגע ביי אונז אידען וויא דער חמשה עשר באב אונ וויא דער יום כפור דאס אין דיזע צווייא טאגע פלעגען ארויס גיין אונזערע אידעשע טעכטער וויים געקליידעט אום צו טאנצען אין דיא וויינגערטנער. אונ יעדער יונגער מאן וואס האט זיך געוואלט נור פאר הייראטהען פלעגט איין קערען אהין. אונ דיא מיידכען פלעגען דאן צו זינגען "יונגער מאן. יונגער מאן". קלייב דיר אויס אוייב נאך דיינעם שטאן" דיא שיינע פלעגען זיך ריהמען מיט זייער שיינהייט. זאגענד דאס דיא ערסטע מעלה איז פון איינער פרויא נור דיא שיינהייט. דיא מיוחסות פלעגען זיך ריהמען מיט זייער יחוס. זאגענד דאס דער ווארער צוועק (תכלית) פון אוייב צו נעהמען איז נור אום גוטע קינדער צו האבען. דיא רייכע פלעגען זיך צו ריהמען נור מיט זייערע עשירות דיא העסליכע פלעגען צו זאגען אונ אזוי אויך דיא ארעמע "קוקט ניט אויף קיין זאך נעמט נור אוייב פון גאטס וועגען. דאס הייסט נור אפרומע אונ איינע ערליכע. דען דער פסוק זאגט (שקר החן והבל היופי אשה יראת ה' היא תתהלל) דאס הייסט

שיינהייט פארגייט. נור ערליכקייט באשטייט *).

ביי דיא באפליאנער וואר דיא זיטע. דאס ניט דיא עלטערן פלעגען צו פערהייראטהען זייערע טעכטער. נור דיא רעגירונג. זיא (דיא רעגירונג) פלעגט זיא צו סארטירען אין צוויא קלאסען. אין שיינע אונ אין העסליכע. דער וואס האט געוואלט נעמען איינע שיינע האט ער געמוזט איין צאלען זייער פיל געלט אין דער רעגירונג. אום צו געבען נדן יענע יונגע לייט וואס ווילען נעמען דיא העסליכע **).

נון מיין טייערע לעזערן דרינגט זיך אונז פון זעלבסט איינע גרויסע פראגע וויא איזט עס גאר מעגליך דאס דיזער גרויסער איבעל זאל גראדע ליגען: אין דער ציוויליזאציאן בילדונג

*) אחר כי הואלתי לדבר מהמאמר הזה. הנני לבאר סופו במדרש איכה (מה היו אומרות. בחור שא עיניך וראה מה אתה בורר לך אל תתן עיניך בנוי תן עיניך במשפחה. וכן הוא אומר צאינה וראינה בנות ציון בעטרה שעטרה לו אמו ביום חתונתו וביום שמחת לבו. ביום חתונתו זה מתן תורה וביום שמחת לבו זה בנין בה"מ. פירש אמו היינו כלתו. והיינו כנסת ישראל. כדאי' במדרש שיר השירים ג' ולא זז מחבבה עד שקרא אותה אחותי ולא זז מחבבה עד שקרא אותה אמי. והכי פירושו צאו וראו בעטרה שעטרה לו כנסת ישראל שהיא כביכול בת זוגו של הקב"ה ביום חתונתו. לא הביא לו עשירות כ"א אהבה ודביקות ביום מתן תורה שהיא הנשואין ובנין עראי בשבעת המלואים וחבבה הקב"ה מכל האומות הקדמונים אך מהיותה מיוחסת בת אברהם יצחק ויעקב. כמו שנאמר כי לא מרובכם מכל העמים חשק ה' בכם כ"א משמרו את השבועה אשר נשבע לאבותיכם כו'.

**) דער רמב"ם זכרונו לברכה: בעקלאגט זיך אין זיינעם ספר אגרת הרמב"ם אין דעם גרויסין ניט אין דעם קליינעם "בנותי בנותי. הלבינו שערותי" איך האב טעכטער אפאר וואס מאכען מיר גראע האר. אזוי האט זיך בעקלאגט דיזער גרויסער מאז וועגען דעם אויסגעבען פון זיינע טעכטער.



(בילדונג) וואס זיא איז וויא מיר ווייסען אין העלעם ליכט דעם מענשען אין זיינעם לעבענסוואנדעל. דאס נור דארום ווערט זיא אנגערופען מיט דעם נאמען אויפקלערונג (פראסוועסצענע) אדער (אורייתא) פון דעםווארט אור. ליכט? דיזע פראגע אבער לאזט זיך זייער לייכט פערענטפערן אונ גראדע דורך דיא בעדייטונגען פון איהרעם ווערטען (טייערען) נאמען "ליכט" דען וויא אליכט איז פון גרויס נוצען נור אין דען האנד פון איינעם פארזיכטיגען. אבער אין דער האנד פון איינעם אונפארזיכטיגען איז זיא פיל מעהר שעדליך אלס ניצליך. דען זיא צינדעט אונ פאר ברענט הויז אונ שייער. אזוי איז אויך דיא אויפקלערונג פון גרויסעם געדייהען אונ נוצען נור אין דיא הענד פון דיא יעניגע. וואס האבען גענאסען איינע גוטע אונ פרומע ערציהונג. אין גאטעס פורכט אונ מענשען ליבע. אונ וואס פערשטייען זיך אויף דיא וואהרע גיטער פון לעבען. וואס בעשטייהען נור אין איינער פאלקאמענע (פאלגע) געזונדהייט. אין איינעם מעסיגען אויסקומען. אין איינעם גוטען געוויסען (סאוועסט). אין איינעם גוטען הויזפרידען. פאר אזעלכע מענשען איז דיא ציוויליזאציאן איין וואהרעס ליכט אים לעבען. איינע היילזאמעזאנע (זון)! צוא אלע גייסטעס וואונדען (דאס הייסט קלעמונגען. נייד (קנאה). האס. פערדרוס). ווייל נאך דעם פרינציפ (יסוד) פון דיא וואהרע אויפקלערונג. דארף דער יעניגע וואס האט נור זיין נייטיגען אויסקומען נימאנדען מקנא זיין ווייל אין דער ווירקליכקייט איז ניט דא וועמען מקנא צו זיין. דען יעדען זעלבסט דעם געמיינטען גליקליכען פעלט נאך מעהר אלס אים. אונ צווייטענס איז ניט דא וואס מקנא צו זיין. דען אויסער (חוץ לעבענסמיטעל) אונ נייטיגע בעדערפענעס האט

האט דער מענש ניט וואס מקנא צו זיין *).

ניט אזוי אבער בעקומט זיא (דיא אויפקלערונג) דען יעניגען (יענע מענשען) וואס האבען קיינע גוטע ערציהונג .

גענאסין

*) אזוי ווערט דער צייט. דאס איינע מיליאנערין האט זיך אמאל געלאזט זעהען אין גאס אין אייגעם קליידע וואס וואר בעבלימט דורך אויס מיט פערעל אונ בורלאנטען וואס וואר פין דעם ווערט מעהר אלס צווייא מיליאן פראנקען. נון פערשטייט זיך דאס עס האט איר אן בעוואונדערער ניט געפעלט. עס זייען איר נאך גילפין טויזענדע מענשען עס צוא בעטראכטען. אונ זיא וואר העכסט שטאלץ דאריבער. דאך דיזער שטאלץ וואר באלד געבייגט דורך איינע קלוגע ווערטער פון אייגעם קלוגען אונ ניט רייך גיקליידעטען פאר ביי גייענדען וואס האט זיך זייער טיף פארנייגט פאר איר. איין מאל נאך דעם אנדערען מאל. אונ וואס זיא האט אים געהאלטען פאר אייגעם ארעמען וואס בעט אלמאזען. דען אלס זיא האט אים וואס געוואלט געבען. האט ער איר גיענטפערט „איך ברויכע קיינע מילדע גאבע (נדבה)". אונ איך פערבייגע מיך פאר אייך נור אויס דאנקבארקייט דאס איר האט אייך דיא מיהע גענומען צו זאמען צו קלייבען אלע דיזע קאסטבארקייטין (קלייגאדען) אונ עס זייער היפש צו זאמען צו נייען אויף אייער קלייד. אונ עס צו צייגען גאנץ אומזיסט אלע לייטען. אונ נאך מעהר עס צו היטען דאס זייא זאלען אזוי אימער זיין אויס געבלימט. דאס ניט איינע זאל פאר לארען גיין. אונ דאס איז איינע גרויסע מיהע. נון דאנקע איך אייך פאר אייער מיהע אונ פאר אייער געדולד.

דיזע ווערטער האבין ניט פר פעלט זייערע ווירקונג. דען פון יענער צייט האט זיא שוין ניט מעהר ניט ערשינען (זיך ארויס געוויזען) אין דיזעם קלייד אויף דער שטראזע.



גענאסען. פאר זייא איז זיא פיל מעהר שעדליך אלס ניצליך זייא לערנען דורך איר דיא וועלט צו קענען. אום נור צו פערלאנגען פון איר פיל מעהר אלס מען נייטיג האט. אונ גלייך צו בעקומען עס ניט אויף דעם גראדען וועג. דאס הייסט דורך אבמאן. טרוג אונ לוג. אונ מעווערט דורך דעם. דעם צווייטען פיל מעהר שעדליך אלס ניצליך.

אם שלימסטען פערדייען עס (בעקומט) דיא מיידבען אונ דיא דאמען. פעראיהען זיך אין גאנצען פון זייערע גלייז (קאלייע). דער ווייטערין זיך זייער שטארק פון זייערע נאטירליכע בעשטימונג צו זיין גוטע ווירטינען. טרייא גאטינען (פרויען) אונ גוטע קינדער ערציהערינען. מען וויל גילטען פאר איינע האכגעבילדעטע. פאר איינע אריסטאקראטין פאר רייך. אונ אנגיזעהען מען צייגט זיך גערען אויף פראמענאדען (שפאציר גיינגע). אויף טעאטערם. אויף האכצייטען. גיפוצט. גישמיקט וויא איינע דאקע (פופע) אונ אין דער קיכע הויזט די דינסט וויא דער טייוועל אין דער העלע. אונ אין שטוב וויסטען די קינדער וויא דיא רעבהינער. אן ערציהונג. אן דיא מינדעסטע גאטעס פורכט דער צו קומען נאך בעזוכע אויף בעזוכע. מען גייט אין געסט. מען נעמט אן געסט דיזע אלעם מאכען אן גרויסע קאסטען. דען איין הוצאה ברייננט דיא אנדערע הוצאה. נעמט מען אן געסט מוז מען שוין האבען איין גאסט צימער (גאסטינגאיא) אונ עס מוז שוין געשפילט ווערען אין קארטען אלזוי קיין וואונדער דאס דיא אויסגעבילדעטע יונגע לייט פאדערין שוין גרויסע נאדאנען פון זייערע כלות דען צו ליב זייא מוזען זייא שוין פירען איין אריסטאקראטישען לעבען.

וואס מען איז ניט אים שטאנדע צו בעשטרייטען (צו פארדינען) מען מוז האבען קאפיטאלען אויף רענטען אויף (פראצענט).

אונ ביי אלעם דעם האבען מיר אין אונזער שטאט

מאנכע שיינע ביא שפילע ערלעבט פון אוים גישטודירטע יונגע לייט וואס האבין גיהייראטהעט מיידכען ניט קיין שיינע אונ דערצו נאך אן אגראסען גדן. אלזוי ניט אוים ליבע נור אוים דאנקבארקייט ווייל זייא האבען אין דער צייט פון זייער שטודיום גיפונגען איין צו פלוכט (אובייעזיםצע אדער אויפענטהאלט) אין דאס הויז פון זייערע גימיינע עלטערין. מען האט זייא דארט איינגערוימט איין ווינקעל צו נאכטען. אונ מען האט זיי צו גיווארפען מאנכע איבעריגן ביסען. האבין אלזוי דיזע געגאדע ניט פאר געסין אזוי ווייט דאס זייא האבען אוים גישלאגען גרויסע געלט שידוכים. אונ זייגען גיקומען פון זעלבסט צוא זייערע פאריגע גאסט פריינדע (מכניסי אורחים) אונ האבין אוים גיבעטין ביא זייא זייערע ארעמע טעכטער אונ זייא לעבין פאר זייא העכסט גליקליך. דיזע אידעלע יונגע לייט וויא ווייט איך וויים זייא זיינען קינדער פון ארענטליכע עלטערן. פרומע אונ בראווע לייט. אזוי ווייט קען איינע גוטע ערציהונג ווירקען אויף איין יונגעם הערץ.

אם שענסטין אונ אם אידעלסטין איז זיך אבער בענאנגין אין דיזען היגניכט דער העלד פון אונזער ערציילונג *) דער יונגער הערש בענעוועטע איין שיינער ביא שפיל פון איינער פלאטאנישע ליבע. אונ פון איינעם אידעל מוט. ווערט עם צו רעטירען פון דער פערגעסענהייט. אום עם נאך צו טאן עם. אונ אלם איין באווייז דאס אין דעם מענשליכען הערץ שלומערין אידעלע געפיהלע. אונ ערוואכען ביא
איינעם

---

*) דיא פערזאן וואס שפילט דיא הויפט ראלע אין איינער ערציילונג ווערט אן גירופין דער העלד פון גישיכטע צום ביא שפיל וויא יוסף אין דער גישיכטע פון מכירת יוסף אונ דאס גליכען.



איינעם לייזעסטען (שוואכסטען) רוף ווען נור: זייא זיינען ניט גאנץ ערשטארט (פערקילט) געווארען דורך איינע פאר דארבענע ערציהונג. נון ווערען מיר שרייבען (צו טרעטין) צו אונזער ערציילונג.

2.

TRUE STORY „הערש בענעוועטע"

פאר איאר פופצעהן צוריק האב איך געהאט איינע גילעגענהייט בעקאנט צו ווערין מיט איינעם אידעשען יונגען מאן אוים קראקע. וואס האט גיהייסין הערש בענעוועטע. ער וואר דאן אלט דרייא אונ צוואנציג יאר. זייער שיין גיוואקסין ריסטיג (גיזונד). אונד העכסט קלוג דאס עם וואר איינע לוסט אים אן צו זעהען. אונ איינע פריידע מיט אים צו שפרעכין. דער ער פלעגט זיך אוים צו דריקען זייער קורץ אונ בינדיג (סחי־אזגע) אין ריינעם דייטש אדער אין ריין פויליש. ער וואר אקינד פון אנשטענדיגע אונ העכסט בראווע עלטערין וואס ווארען דאן העכסט וואויל האבענד (גוט אין מעמד). אונ וואס האבען אים ערצויגין העכסט זיטליך (מוראלים) אין גאטעם פורכט. אונ וואר נאך דער צו זייער שיין געבילדעט. דען אויסער (לבד) שפראך קענטניסע. האט ער נאך דורך גימאכט איינע טעכנישע שולע. אונ איז גיקומען אהער מיט איינעם פוילישען אנטרעפאנער (פאדראציק אדער אונטערנעמער) וואס ער וואר דאן ביא אים אין דינסט. אונ וואס ער (דער פאדראציק) האט אן גענומען דאן איינע גרויסע שטרעקע ארבייט ביא דער קאמפאניע. זיין גיהאלט וואר ביא אים אונגעפעהר זעקס אדער זיבין הונדערט רובל. אויסער פערזאן קאסטין. איך פלעג אים זייער אפט בעזוכין אין זיינער (בירא קאנטאר) צוא אבענד צייט האט
אויף

אויף דער שטרעקע (ליניע) וואס וואר אקנאפער וויארסט: פון שטאדט. אונ פלעגין אונז אזוי פערפלוידערין מאנכע שטונדע ביים דעם רויכען אונ שמויכען. איבער פערשיידענע געגענשטענדע. אונ מיר זיינען אונז גיווארין אזוי מיט דער צייט גוטע פריינד מיט איינאנדער אונ האבען אזוי אונז בעשטרעבט (בעמיהעט) צו מאכען אונז ניצליך איינער דעם אנדערין מיט וואס נור מעגליך איז. ליידער וואר ער עם מיר פיל מעהר אלם איך עם אים. דען וואס איך האב פון אים פערלאנגט האט ער עם מיר זייער לייכט אויסגעפיהרט דען דיזעם איז באשטאנען נור אין דעם דאס איין ארעמער בעקאנטער מיינער זאל איינע קליינע שטעלע באקומען ביים דער שטרעקע (ליניע) וואס זיין פרינצעפאל האט אן גינומען. וואס ער אבער האט פון מיר פאר לאנגט האב איך ביים מיינעם בעסטין ווילען אונ ביים מיינער גרעסטין אן שטריינגונג זיך אום דעם גאר ניט אויס גיפירט. אונ דיזעם איז באשטאנען אין דיא אנגילעגענהייט (ענינים) פון איינער פארטי (שידוך) פאר אים. וויא איך וועל דא ווייטער דער ציילין נור פריהער מוז איך דיר מיינע לעזערין בעקאנט מאכין מיט דעם געגענשטאנד אדער פערזאן פון זיינער ליבע צו איר. ליידער מוז איך דיר אויס פילע אונ וויכטיגע אורזאכין איהרען ווארין נאמען. אונ אזוי איר פאמיליען נאמען גאנץ פאר שווייגען אונ מוז אן שטאט זייא פאזיידע (פאלשע) נעמען ארוים שטעלען אונ איך גלויבע דאס דוא וועסט דיך לאזען האנדלען. דען עס קומט דיר אן נור אויף דעם גישמאק פון דער ערציילונג. אונ בפרט נאך דאס דוא וועסט דיא עכטע נאמען אויך ניט וויסען דען דיא גרעסטע צאהל פון אונזערע לעזערינען זיינען דאך ניט פון אונזערע ווילנערינען. אלזוי זאל דיא העלדין פון אונזער גישיכטע הייסען "רעבעקע ענערט".

איין



3.

### "איין טיפער שמועס איבער דעם אומגאנג מיט מענשען (עטהיק)".

אונזערע אלטע ווייזען (חכמים) זאגין (היום קצר והמלאכה מרובה) דער טאג איז קורץ אונ ארבייט איז דא אפולע. דאס איז גימיינט דאס לעבען פון מענשין איז ניט פון לאנגען דויער אונ ביים אלעם דעם האט ער זייער פיל צו ערלערנען אין דיזע קורצע צייט. דאהער מוז זיך יעדער גראדער מענש בעגיין אין דיזעם הינזיכט (אטנאשענע) (ווי איין קלוגער קויפמאן אויף איינעם גרויסין יארמארק) דאס ער (אים פאל ווען ער מיינט נור ערליך צו בלייבען. דאס הייסט ניט (אנזעצען) האנדעלט איין סחורה נור געמעסיג (וועדליג) זיין קאפיטאל. אונ דער צו נאך אזעלכע סארטען וואס זיינען אים העכסט אונענטבערליך (נעאבחאדימע) אין זיין גישעפט *) דער גרויסער קאפיטאליסט האנדעלט איין פיל. דער קלענערער ווייניג. דאך ביידע מוזין

---

*) דאס דיזע וועלט איז גיגליכען נור צו איין יארמארק. אונ דיא מענשען צו קויפלייטע. איז עס ארוים צו זעהען אין דעם סוף ספר קהלת וואס דארט ווערט מיט גרויס קראפט גישילדערט דאס אלטער (עלטער) פון דעם מענשען מיט קורצע אבער העכסט טרעפענדע ווארטע (ווערטער) ער זאגט דארט (וסגרו הדלתים בשוק) דאס הייסט דאס עלטער זעהט אויס ווי עס איז שוין נאך דעם יריד דאס אלע קראמען האבין זיך שוין צו גישלאסין. נון איז ווייטער גיזאגט (וסבבו בשוק הסופדים). דאס הייסט מען זעהעט נור דאס דיא קויפלייטע גייען אום אין מארק קלאגענד. ווייל זייא האבין איין שלעכטין יריד גיהאט שלעכט פאר קויפט אונ וואס נאך שלימערס איינגעהאנדעלט. בעסער קען מען שוין ניט שילדערען דאס אלטער (עלטערן):

מוזין זייער גוט ווייכען נור אזעלכע וואַרע איין צו האנדעלין וואס אם גייטיגסטען צו האבען אין זייערע בודען איז אונ וואס זיינען אם גאנגבארסטען (גילטיג) אין זייער ארט אונ נאך האט זיך ניט גיטראפין אזוי איין קויפמאן וואס זאל זיין אזוי איין קאפעטאליסט וואס זאל קענען אונ דער צו נאך ווערין אוים קויפין אלע סחורות פון יאר מארק. איך מיין דאס יעדער גראדער מענש דארף ערלערנען פון דער אונענדליכע צאל פון חכמות וואס זיינען דא. נור נאך די כוחות פון זיינער השגה. אונ צו גלייך וואס זיינען אים אם גייטיגסטין. לײדער טוען מיר עס ניט אזוי. דען מיר האנדעלען איין מיט אונזערע קליינע קאפיטאלין פון פערשטאנד אין דיזען וועלט מארק וואס איז פון גאנץ קורצען דויער פיל מעהר אוננוציגע וויסענשאפטען אונ על פי רוב נאך שעדליכע. אלזוי מיינע טייערע לעזערין. אזוי וויא מען מוז זיין אמבין אויף סחורות. אזוי מוז מען זיין אמבין אויף די גיטער דעם לעבענס. הן וואס בעלאנגט (נוגע) צו פיזישע (קערפערליכע) ענינים; אונ הן וואס בעלאנגט (נוגע) צו מוראלישע (גייסטיגע) ענינים דאס הייסט למודיות לײדער. איז ניט דא דער ארט צו סארטירען זייא אלע וועלכע נייטיג זיינען וועלכע ניט. אונ וועלכע עס זיינען נאך דער צו גאנץ שעדליך. אונ מוז זיך אלזוי באנוגענען. צו רײדען דא פון איינער סארטע נור ווייל זיא איז יעדען מענשען גאנץ אונ ענטבעהרליך (געאבחאדימא אדער אונ פערמיידליך) אונ דיזע איז קיינע אנדערע וויא די עטהיג (זיטענלעהרע אדער דאס וויסען וויא מיט מענשין אום צו גיין) ווייל די בעשטימונג פון מענשען איז צו פיהרען איין געזעליגעס לעבען (דאס הייסט צו לעבין אין גיזעלענשאפט). צוואר דיזער לימוד איז איינער פון די שווערסטע למודיות אין דער וועלט וויא עס איז ארוים צו זעהען פון משלי אונ קהלת וואס

האנדלען



האנדלען נור דער פון. אונ דאס גלייכען האט דער גרויסער וועלט ווייזער (חכם העולם) דער סאקראטעס פאר בראכט אויף איר אין זיין גאנצען לעבען פיל מעהר אלס אויף אנדערע חכמות דאך ביי אלעם דעם מוז יעדער פון אונז צו פיל צוא ווייניג איינען גוטען בעגריף האבען פון איר זאנסט בלייבט מען נור איין דארען אין דער מענשליכע געזעלענשאפט. ווערט פון נימאנדען געליטען. אונ ווערט פון יעדען רעכטען מענשען אוים געמידען וויא די פעסט עס איז שוין פיל ביכער אונ ספרים דאריבער גישריבין אין אלע שפראכין. לײדער ווערין זייא פון אונזערע זין אונ טעכטער גאנץ אונ גאר ניט גילעזין זעלבסט אונזערע תלמידים אונ לעהרער מאכען דער פון קיין גיברויך.

אלזוי מיינע טייערע לעזערין. ווען דוא ווילסט זיין איינע רעכטע מיטגליד פון דער מענשליכע געזעלענשאפט מוזטו איין עטוואס לעזען דאריבער *) אונ ווען ניט מוזטו אם ווייניגסטען איין עטוואס הערען פון מיר איבער די עטהיקע (זיטענלעהרע) איבער דעם בעגיין זיך מיט פריינדע. וואס האט איינען גרויסין בעצוג (שייכות) צו אונזער ערציילונג אונ ווייס עס צו באנוצען אין דיינעם לעבען. דען וועלכער מענש האט עס קיינע פריינדע. אונ איז ניט אפריינד פון איינעם אנדערען. אונ וויא שווער עס איז זיך איינען גוטין פריינד צו ערווערבען (בעקומען) אזוי לייכט איז עס ווידער צו פארלירען דורך אקליינעם פארזעהען. אדער דורך

איינעם

---

NB

*) פאר איא״ עלף האב איך אב גידרוקט איין ווערקעל דאריבער "וואס הייסט" (דברי יושר) אין זארנאן. זיא איז העכסט באריהמט פון אסף קענער. אונזערע פרויען אונ טעכטער קויפין עס ניט. פאר זייא איז נור גוט אבאבע מעשה אונ ווייטער ניט.

איינעם אונגיהאבעלטין שפאס. דען דיא פריינדשאפט איז איינע פון יענע פיר זאכען וואס ליידען קיין שערץ (איין קאטאוועס טרייבין) אונ דאס איז דאס אויג. דיא עהרע דיא ליבע. אונ דיא פריינדשאפט *).

זייא וויסין דאש די פריינדשאפט האט איהרע גראדען אונ שאטירונגען (פערשידענהייטען) וויא דיא פארבען. דונקעל. מאט. העל. געל. מאנכע וואש בלאקירען באלד אפ. מאנכע ניט. מאנכע וואס קריכען אפ אין וועם. מאנכע ניט. מאנכע וואס פערצערען דעם לייוועגט אויף וועלכעם זייא ווערען גישטריכען. אונ מאנכע וואס מאכען אים נאך פעסטער. אונ ווייל דער נמשל איז שוין איין פערלייבט אין דעם משל. איז שוין מיר איבער פליסיג צו ערקלערען דיר אים. דען דוא בוועסט עס שוין פון זעלבסט פארשטיין דעם מיין. אויך גיהערסטו צו וויסען דאס דער קליינער הערצענס רוים (דאס הייסט דער קליינער חלל וואס איז דא אין דעם מענשענס הערצען) איז איין געטהיילט אין פילע צימערין **) וויא איינע וואוינונג פון פארנעהמע הערען. מיט אפארצימער. אשפייז צימער. אגאסט צימער. אשלאף צימער. אנאבענעט. אקיך שטוב. אגיזינט שטוב (גארניצא) אונ האט צווייערלייא טרעפ שוועטליע אונ צארניע. אונ אם ענדע אויך איין געהיים צימער. אונ האט אויך זיין שווייצער וואס לאזט זיך זייער אפט בעשטעכין

נעמט

---

*) אזוי צום בייא שפיל ווען מען זאל איינעם אמאך טאן מיט דעם פינגער פאר דעם אויגע מאכט עס זיך צו ביי זיינעם וויסען דאס מען שערצט נור.

**) (מדרש קהלת א') אמר להם שלא נבראו בו קנים וכו' מכאן לראות שיש בלבו של אדם חדרים חדרים מיוחדים והדברים אמתים ועתיקים כידוע לבעלי הנתוח.



(געמט לאפקע) אום צו מאכען אונגייטיגע מעלדונגען.

אזוי יעדער בעזוכער פון איינעם אנדערענס הערצען מוז וויסען אונ זייער גוט פארשטיין. ביז וויא ווייט ער האט רעכט איינצודרינגען אין אים. מאנכער מוז זיך אפשטעלין אין פשעדנא. אונ דארף קיין שריט זיך וואגען ווייטער צו טאן. מאנכער דארף זיך שוין וואגען אריין צו גיין אין גאסט צימער. מאנכער ווערט אריין געלאזען דורך סוועטלע טרעפ. אונ מאנכער נור דורך דיא צארנע. אונ אזוי ווייטער אונ ווייטער. אונ קוים איינער פון זיינען אויס ערוויילטין האבען דאס רעכט איין צו דרינגען אין זיין געהיים צימער. אונ וויהע דעם וואס וואגט צו טאן איינעם ווייטערין שריט איבער זיין פראווע.

אלזוי מוז יעדער גראדער מענש זיין אין ריינעם מיט זיך (דאס הייסט וויסען אויף קלאר) וויא ווייט ער שטייט מיט זיינע פריינדשאפט מיט דעם אנדערען דאמיט ער זאל זיך ניט וואגען צו מאכען איין צו ווייטען שריטען אין יענעמס הערצען אונ דאהער וויא אויך איך בין געווארין אין פערלויף פון אייניגע וואכען העכסט בעפריינדעט מיט דעם הערשעל בענעוועטע. בין איך דאך געבליבען אין מיינעם שראנקען (בעגרענצונג) פון מיינער ערסטע בעקאנטשאפט מיט אים. דאס איך האב מיך ניט געוואגט איין צו דרינגען צו ווייט אין זיינעם הערצען אום צו ערפארשען ווארום איז ער צייט איינעם מאנאט פערנעבעלט (פאר חמארעט) אונ פערקימערט. אונ בין אזוי גאר ניט גיוועזען נייאגעריג עס צוא וויסען. דען וועלכעם יונגעם הערץ האט עס קיינע קריינקונג אונ קימערנים וואס מען דארף עס דעם צווייטען ניט מיט טהיילען. נור איינעם ערפראבטען גוטען פריינד. אונ דיזעס וואר איך אים דאן וויא דיא ווארהייט צו זאגען נאך ניט. דען איינעם וואהרען פריינד

ערקענט

ערקענט מען נור אין דער נויט. אונ דער צו האט אונז גיפעלט גילעגענהייט. דען זיינע אומשטענדע וואָרען פיל גלענצענדער אלס מיינע. אונ צווייטענס זאל שוין זיין גיזאגט (האב איך ביא מיר גיטראכט) דאס עס קען אים פילייכט פארדריסען וואָרום פראגע איך אים ניט דארום (דאס הייסט איבער דיא אורזאך פון זיינעם קומער). איז דאך דיזע פראגע אדער אויס רייד פיל לייכטער צו פאר ענטפערין. אדער צוא ענטשולדיגען זיך. אלס אין פאר קערטין פאל. דאס אלס מען פרעגט וואו מען וויל ניט גיפרעגט ווערען. אונ יענער רעט אויס „צו וואס ברויכט איר עס צו וויסען" וויא דער פאל איז אם דייטליכערען צוא זעהען ביא דער איינלאדונג פון איינער שמחה. דאס איז פיל לייכטער אויס צו האלטען דעם אויס רייד „וואָרום זייט איר ניט גיוועזען" אלס דעם אויס רייד „וואָרום זייט איר יוא גיוועזען". אונ אזוי וואר אם ענדע ווירקליך דער פאל דאן ביא מיר אויך מיט דיזען יונגען פריינד. דען אין אפאר וואכען ארום האט ער מיך זעלבסט גיפרעגט „וואָרום פראגע איך אים ניט וועגען זיינע קימערניס?" אונ איך האב אים גיענטפערט העטע איך עס גידארפט וויסען וואלט איר עס מיר פון זעלבסט גיזאגט „נוא זאלט איר שוין באלד וויסען. האט ער זיך אפ גירופין צוא מיר אונ וויא דיא וואָרהייט צו זאגען ווייל איר עס וויסען מוזט אום צו בעקומען פון אייך איין גוטען ראטה אונ פילייכט נאך איינע גוטע טהאט (פעולה טובה) איך בין פאר ליבט אין איינע מיידכען. אונ ווייל זיא אונ איהרע עלטערען גיהערין שוין פיל מעהר צו דער נייע וועלט אלס צו דער אלטע וועלט. האב איך אן גיהייבען צו ווערבען אום איהר האנד (דאס הייסט צו שאדכענען צו איהר) אן איינען ברויט ווערבער (שדכן). עס איז אבער דער ווילע פאר

לארענע



לארענע מיהע. איך האב צוואר ניט געהאט קיין אטקאז אבער אויך קיין יא ווארט בעקומען. ביא אלעם דעם בין איך דארט אימער איין ווילקאמענער גאסט. אונ אזוי וויא דאס מיידכען. אונ אזוי דיא עלטערען. נעהמען מיך אויף אימער העכסט פריינדליך. אבער וואס העלפט עס. איך מיין ניט דיא הגדה איך מיין נור דיא קניידלאך. וואס מאך איך מיט דיא טויבע (פוסטע) בליהונג וואס טראגט קיינע פרוכט. אלע מיינע אנשפילונגען (אנצוהערעניסין) וואס איך מאכע זיא אין מיינע גישפרעכע פראללען אפ (שפרינגען אפ) פון זייער געפאנצערטען הערצען. דאס זיא בלייבען גאנץ גלייכגילטיג גלייך וויא זיא עס ניט מערקען. אזוי איז ביא מיר געבליבען דאס איך מוז איינשלאגען (בעטרעטען) דעם אלטען וועג. איך מוז מיך בעדינגען מיט איינעם פערמיטלער דער צו אונ וויל מיך אלזוי נור מיט אייך בעדינגען דער צו. אונ גראדע דארום דאס איר זייט ניט איין שדכן פון פראפעסיאן (דאס הייסט אזוי איינער וואס לעבט פון שדכנות אונ וואס דאס איז זיין פראפעסיאן) אונ ווייל איך טרויע אייך צו מעהר גישיקליכקייט אום אויס צו פיהרען אזוי איין געגענשטאנדע (ענין) אלס איינעם אנדערען וואס איז שוין זעלבסט ערפאהרען אין דיא אויספיהרונג פון פארטייען. דען דיזע לייט (דיא עלטערען) שטייען נאך מיט איינעם פוס אין דער אלטע וועלט אונ מיט איינעם פוס אין דער נייע וועלט. אונ דיזעם זייט איר אויך. נון קענט איר מיר שוין פון גרויסע נוצען זיין דארינען.

עס פרייט מיך האב איך מיך אפ גערופען צוא אים דאס זיא אזוי איינעם גרויסען צו טרויען צוא מיר (פאסען) האבען. אונ צווייטענס דאס איך וועל האבען איינע גוטע געלעגענהייט מיט וואס אייך אב צו דינען פאר דיא גיפעליקייט וואס זיא האבען מיר געציינט. דאך ווייס איך ניט צו וועל

איך וואס אויספירען . ביא מיינעם וויסען דאס ביא אונז אידען שוועבט דער ערסטער פארטי פארשלאגער (שדכן) פון יעדען שידוך אין דער זעלביגע געפאהר וואס עס פלעגט צו שוועבין דארט אין עגיפטען. דער ערסטער אויף שניידער פון דער לייבע (טויטען קערפער) וואס האט גידארפט איינגיבאלזעמירט ווערען . אום ארויס צו נעמען פון אים די איינגעווײדע *) דאס ער האט באלד נאך דעם ערסטען שניט וואס ער האט אין דער לייבע איין גישניטין גימוזט אנטלייפען דורך איינע געהיימע טיר. זאנסט וואר ער אין געפאהר צו ווערען ערמארדעט פון דער לייבנאמס (טויטענס) פאמיליע . וואס האבען דעם ערסטען אויף שניט גיהאלטין פאר איינע גרויסע ענטווייהונג (בעליידעגונג). אונ דיזעם איז נור דארום וויל יעדע אידעשע פאמיליע שעצט זיך פיל העכער אלס זיא איז באמת . אונ פינדעט זיך אלזוי זייער שטארק בעליידיגט ביא דעם ערסטען פארשלאג דאס זיא זאלען טאן מיט יענעם אונ יענעם וואס איז נור זייער גלייכען . אונ ווייזען אלזוי דעם פארשלאגער די טיר אונ זייגען נאך הער צוא פרידען מיט דעם צווייטען פארשלאגער מיט דער זעלביגע פארטי וואס רייסט זיא נאך הער ארונטער פיל מעהר אלס דער ערסטער . וויא די עגיפטער ווארען גוט מיט דעם צווייטען באלזעמירער וואס האט אין דער לייבע (אין טויטען קערפער) שוין פיל מעהר איינשניטע געמאכט אלס דער ערסטער . אונ דאהער

פירט

*) די עגיפטישע איינבאלזעמירטע וואס הייסען מומיען פלעגט פון זייא ארויס גינומען ווערען די איינגיווייד דער געהירען . דער ערסטער איינשניידער האט גימוזט אנטלייפען. דער אנדערע וואס האט עס גידארפט בעענדען נואר בעהאנדעלט מיט גרויס עה־ע .



פירט אויס ביא אונז אידען על פי רוב דער צווייטער שדכן . אונ ניט דער ערסטער . אלזוי מיין פריינד ווען זייא ווילען דאס איך זאל נוצליך זיין זאל דער ערסטער איין אנדערער זיין אונ איך וועל דער צווייטער זיין" "אונ זייא זייגען עס" האט ער זיך אפגירופין צוא מיר "דען דער ערסטער בין איך גיוועזן . אלזוי מעגען זייא שוין גיין שמיאלע אונ ריידען . עס וועט דער ביא אייער עהרע ניט ליידען . אונ איר וועט מיר זיין פון גרויס נוצען . דען דורך אייך וועל איך אם ווייניגסטען וויסען אויף קלאר . וואו איך האלט מיט דעם אין דער וועלט צו יוא צוא גיין" "אונ דאך ביא אלעם דעם" האב איך מיך אפגערופען צו אים מוז איך דאך פאר הער מיך בעקאנט מאכען מיט דיזער פאמיליע . אונ מיט דעם מיידכען . זאנסט וועל איך דאך אויס ווייזען ביא זייא וויא איין גיהיינער שדכן . וואס מען פערטיגט אים אפ מיט איינעם "איך האב איצונד קיין צייט . קומט נאך שבת" ניין איך מוז דער ביא דיא ראלע פון איינעם גוטען פריינד שפילען אונ דיזעם האט ער זיך אפגירופין איז מיר עס אם לייכטעסטין . מארגען וועל איך מאכען דארט איין גישפרעך איבער אייך אונ נאך שבת וועלען מיר שוין ביידע איין בעזוך דארט אפ שטאטען (אטפראווען) . אונ וויא ער האט גישפראכין אזוי איז ווירקליך גישעהען .

4.

„דער ערסטער בעזוך"

דיא פאמיליע עגערט נוארען קיינע היזיגע . נור איין גיוואנדערט היר פון פולען . אין דיזעם יאר וואס וואר דא דיא איינזענבאהן געבויט . אונ וואס זיינען אין אים

אין

(אין דיזעם יאר) אן גיפלויגען אהער גאנצע, שווערמע (שטייעם) פאדראציקעס. קליינע און גרויסע וויא ראבען אויף איין שלאכט פעלד אום נאהרונג צוא געפינען. און וואס מאנכע פון זייא האבען זיך דא איינגעניסטעט (זייער נעסט געמאכט) מיט ווייב און קינד. איבער דיא גאנצע צייט פון דעם בויא (מאכען דיא באהן). וואס דיא פאמיליע עגערט וואר איינע דער פון. זיא (דיזע פאמיליע) האט געוואוינט איין עטוואס אב געלעגען פון שטאט אין דער אומגעגענד פון באהן אין אשיינעם זומער הויז מיר זייגען אהין געקומען געגען אווענד צוא טייא צייט. דיא געגענד וואר דארט העכסט רייצענד (שיין). וויא ווייט דאס אויג נור האט גיקענט ערהייכען (גרייכען) וואר צו זעהען גרינע היגעל (בערגלעך) און טעהלער (טאלען) וואס אטהייל פון זייא וואהרען פערזייט מיט פערשיידענע געטריידע ארטען (תבואות). און אטייל וואהרען פערוואקסען מיט וואלדונגען. עס האט דאן געהערשט איינע פייערליכע (הייליגע) שטילהייט אין דיזעם איינזאמען ארט וואס וואר נור אונטער בראכען (געשטערט) דורך דעם רוישען פון איינער פרישען און קאלטען קוועלע וואסער וואס האט זיך געשליינגעלט צווישען דיא קרימונגען פון בארג און טאל. שנעל (ביסטרא) וויא איינע פערפאלגטע (נאכגעיאגטע) שלאנגע וואס זוכט איהרע רעטונג נור דורך דעם אריין שטירצען זיך אין דער ווילייגקע. דער צו נאך וואר דיא גאנצע געגענד דאן בעפלארט (וויא מיט אפלאר בעהאנגען) מיט איינעם פורפור רויטען געבעל (טומאן) דען דיא זון איז דאן גאנץ רויט אונטער גינאנגען. דאס זיא (דיא געגענד) האט דאן אויס גיזעהען גאנץ טעאטראלעס. און אזוי וואר גאר דיא גאנצע נאטור וויא גוט געלוינט (אין איינעם גוטען הומאר). און דאהער קיין וואונדער דאס

דיא



דיא וואוינונג פון דיא פאמיליע עגערט. דער ציל פון אונזער שפאציר גאנג. וואס האט דאן זייער פריינדליך ארויס גיקוקט פון אונטער איינער טרופע (קופע) בוימער. האט בייא מיר דאן אויס גיזעהען וויא איין אויפענטהאלט (זיטעלסטווא) פון דיא זעליגען (בני עולם הבא) אדער פאסענדער צו זאגען וויא פאפיאס וואס דארט וואר דער זיין (זיצונג) פון דער פענוס (דיא געטין פון ליבע) ווייל אונזער גאנג וואר דאך דאן אום איינער ליבענס אנגעלעגענהייט.

און מיינע פאנטאזיע האט מיך ניט בעטראגען. דען איך האב דארט דער וויסט פיל מעהר אלס איך האב מיר פערשפראכען (פארגישטעלט). דיא וואוינונג וויא אויך איינפאך זיא וואר אויס מעבלירט וואר זיא דאך העכסט געשמאק פאל אויס שטאפירט (צו גיקליבען). העכסט זויבער. איבעראל וואר צו זעהען שפורען (סלעדען) פון וואוילשטאנד (פון גוטען שטאנד) פון ווייבליכער ווירטשאפט אלעם וואר אנגעבראכט אויף זיינעם פאסענדען ארט וויא פאראויס בערעכענט.

דיא ערסטע פערזאן וואס וואר אונז דארט אנזיכטיג (וואס מיר האבען דער זעהען) אין פארצימער וואר דאס קאמער מיידכען. אשיינעם נעטעס יונגען (בעשעפענעס) ריין אן גיצויגען (גיקליידעט) צוואר איינפאך (פראסט) דאך אבער מיט אגוטען גישמאק. און גאנץ לעבהאפט (לעבעדיג) מונטער (פריילך) און בעשעפטיגט וויא איינע אמייזע (מוראשקע) דאס איך האב שוין דורך איר אויסזעהען אליין בעקומען אגוטע מיינונג איבער איהרע ווירטין וויא איין ליטעראט (געלעהרטער) פערשטייט זיך אויף דעם ווערטען טייערען אינהאלט (ענין) פון איינער ווערק (בוך) נור דורך דעם טיטעל בלאט אליין (דאס הייסט דורך דעם שער אדער ערסטע בלאט פון אספר וואס עס איז אויס גידרוקט אויף

אים

אים נור זיין נאמען אונ דער נאמען פון דער שטאדט וואו ער איז גידרוקט. אונ אזוי אויך דער נאמען פון דעם מדפיס) אונ האב מיך אין מיינעם אורטהייל (מיינונג) ניט געאירט. דען איך האב אין דער ווירטין דער וויסט איינע דאמע וואס האט אין זיך פאר איינינט אלע ווייבליכע (ווייבערשע) טוגענדע (מעלות) דאס עס וואר מיר שוין ניט מעהר איבעריג וואס נאך צוא ווינצען. זיא וואר קארפעלאנט (איינע אסאבע). גוט געבויט. גינוג שיין פון מיטעל מעסיגער גרעסע (גרויסהייט). פערבונדין (פעראייניגט) מיט איינער איידעלען האלטונג (פאסטאצע). איהר קלוגעס הויפט (קאפ) וואס וואר אוואל (אייע רונד) אונ דער צו אנגעבראכט גאנץ זימעטרים (פריפארציאלנע) צווישען איהרע ביידע שולטערן (אקסלען) (דאס הייסט ניט צוא הויך אונ ניט צוא נידעריג) אונ ארום גיפלאכטען מיט שיינע האר לאקען. האט מיך עראינערט (דער מאנט) אן דיא מיטעלאגיצנע *) ווייבליכע פיגורען אן דיא הייפטער (קעפ) פון אמינערווע צערעס. העבא אונ דאס גלייכען זיא וואר שוין דאן טיף אין דעם פינפטען צעהענדליג יארען פון איר לעבען. אונ ביי אלעם דעם וואר נאך צוא זעהען פרישע אונ טיפע שפורען (טריט אדער סלאדען) אין איהרעם גיזיכט פון דער קוים (אקארסט) אנטלאפענע

יוגענד

*) מיטעלאגע הייסט דיא לעהרע פון דיא אלט גריכישע געטער. דען זיא האבען געהאט איבער יעדער זאך אונ איבער יעדער עבין איינע בעזונדערע גאטהייט. אזוי וואר ביי זיא דיא געטין פון ליבע פענוס. דיא געטין פון ווייזהייט מינערווע. דער גאט פון מער נעפטום. אונ אלע ווארען אלץ פארגישטעלט אין שיינע מענליכע אונ ווייבליכע פיגורען. מיר וועלען דער פון אנדערס וואו שפרעכין.



יוגענד אונ וויא שיין עס וואר איהר אייסערעס (דיא אויס ווייניקייט). דאס הייסט איר קערפער) זא וואר ניט מינדער (ווייניגער) שיין איהר אינערעס (אינוויינינקייט) דאס הייסט איהרע זיילע דען זיא וואר העכסט קלוג אונ העכסט זיטליך. ווירטשאפטליך. גאנץ בעשיידען (סקאראמנע) האט געהאט געזונטע בעגריפע (השגות) פון דער וועלט. פון גאט. אונ פון דער רעליגיאן. אונ נאך מעהר פון לעבען. דיזעם אלעם וואר הערויס צוא זעהען פון איהרעם ערסטען געשפרעך מיט מיר. דיזע דאמע וואר זייער ווייט בעלעזין אין טייץ אונ אין פאלניש. אונ גיהייסין האט זיא (עבקה) אדער (איידעקסע) איר מאן וואס האט גיהייסין (מרדכי) אדער (מארקוס) וואר אויך איין שיינער מאנספערזאן. גערוקט שוין אין דעם זעקסטען צעהנדליג יארען פון זיין אלטער (עלטער) אונ ביי אלעם דעם נאך גענוג ריסטיג (געזונד) אונ טונטער איין העכסט קלוגער מאן. איין שיינער למדן. אונ איין גוטער רוסע אונ פאלע. אונ וואר איין גוטער געשעפטס מאן אונ דער צו נאך פון באן טאן (פון שיינעם מאניר). זייא ביידע ווארען געקליידעט דאן האלב נעגלעז (האלב הייזליך) זיא וואר אין איינער ציצענע (קארטונענע) בלוזע. אונ ער אין איינעם ווייסען קיטייענעם ראק. דאך נאך דעם נייעסטען פאקראי איך האב זייא דער וויסט פערטיפט אין אנישפרעך זיצענד ביי דעם טייא טיש וואס וואר באלד אויפגעטישט געווארען אויף אים דער סאמאוואר אונ אטאץ מיט גלעזער. דיא טאכטער וואר דאן ניט צו הויז דען זיא איז אוועק אין שטאדט. אונ וואר ערווארטעט פון זייא צו טייא מיט גאך אפאר געסט וואס וועלען מיט איר קומען פון שטאדט.

מיר זיינען ביידע אויפגענומען געווארען פון זייא העכסט פריינדליך דער בענעוועטע האט מיך פאר גישטעלט

פאר

פאר זייא דאס איך בין עס פון וועלכעם ער האט מיט זייא געשפראכען פאר איינינע טעג. אונ איך וואר זייא וויא דיא נארהייט צו זאגען איין ווילקאמענער גאסט. מיר האבען אונז געזעצט ביי דעם טיש. יעדער פון אונז האט פאר רייכערט זיין ציגארע. אונ עס האט זיך באלד אנגישפונען איין געשפרעך צווישען אונז. דער אנפאנג פון אונזער אונטערהאלטען זיך וואר וויא געוואוינליך איבער דעם וועטער. נאך הער איבער דיא שיינע געגענד. אונ אזוי דער נאך איבער אונזער שטאדט ווילנא אונ אם ענדע איבער דיא פאליטיק. אונ איבער אונזערע אידעשע לאגע וואס איז דאן זייער שלעכט געשטאנען. אונ וויא עס צו בעסערען אלזוי איין גרויסעס פעלד (איין ברייטער ענין) איבער וואס צוא ראזאנירען צו צייגען מיינונגען. וועלט קענטנים. שארף זין. איינווענדונגען מאכען. וואס דיא עכסה האט אלזוי געהאט דער ביי איינע גוטע געלעגענהייט אויס צו קראמען איהר גיזונטען מענשען פערשטאנד. אונ איז וויא דיא נארהייט צוא זאגען אלס זיגערין (ביי קומענדע) ארויס פון דיזען לידיגען ויכוח (דעבאט) דען ווער איז עס דער מאנספערזאן וואס זאל אין אווארט שטרייט גיט דעם פלאין רוימען (רעטורירען) פאר איינע דאמע פון שטאנד. בפרט נאך דאס מיר האבען איר געוואלט האבען אויף אונזער זייטע ביי אונזערער הויפט אינטערעסע. דאס הייסט זיא זאל איינווילינען צו דיזער פארטי אלזוי האט זיא געמוזט שוין אין פאר אויס בעשטאבען ווערען פון אונז (לאפקע בעקומען) מיט אונזער געבען ביי פאל (הסכמה) צו איהרע מיינונגען. אונ מיר האבען אונז ווירקליך דורך אונזער נאכגעבען איר ביי איר אין גונסטען (אין חן) געזעצט. דען דיא קליינסטע דאמע האט אויך אין זיך נאך איינע גרויסע דאזים (פארציאן) איטעלקייט. בפרט דאס זיא האט





ביי דיזעם דעבאט (ויכוח) פיל היציגער געשטריטען אלס מיר וואס האבען אונז אריין געלאזען אין דיזען לידיגען דיספוט אום נור אויס צו פילען דיא לידיגע צייט ביז דיא רעבעקע (רבקה) דיא טאכטער וועט קומען פון שטאדט. אזוי וויא מיר זאגען אפט אום יום כפור נאך א צו פריהיגען נעילה נאגין אשרי תמימי דרך אום אויס צו פילען דיא צייט ביז מעריב. מיר וואהרען ביי דיזעם געשפרעך נאגין גלייך גילטיג אונ זיא וואר העכסט אינטערעסירט. דען זיא האט זיך גיהאלטען פאר איינע אידעשע פאטריאטין (אזוי איינע וואס ליבט איהר נאציאן).

אונ אלזוי וואלט דיזער געשפרעך. איבערהויפט וואס אנבעטרעפט (נוגע) אונז אידען אונ וואס בלייבט אימער ביי דעם ערסטען פונקט פון וואנען ער האט זיך אן גיהייבין אונ קען זיך נימאלס ענדען וויא דיא דרייענעס פון איינעם איבער גידרייטען שרויף וואלט גידויערט נאך ביז איצונד ווען מיר וואלטען ניט געווארען דיא נאכגעבענדע שטראנגע זיינע. אונ שטימען צו איהרע מיינונגען. אונ דאן וואר שוין שערווירט דער טייא. קוים האבען מיר אויסגילערט (אויסגיליידיגט) דיא ערסטע גלעזער האבען מיר דער הערט דאס אנפארען פון איינער דראנסקע אונ באלד דארויף האט זיך אויפגימאכט דיא טיר אונ עס איז אריין דיא רעבאקא אונ מיט איר נאך איינע אלטליכע קריסטליכע דאמע איהרע אגובערנאנטין וואס האט איר אין דיזער מינוטע גידינגט פיל מער אלס פאליע*) אלס לעהרערין. דען וויא אויך

דער

---

FOIL *) פאליע הייסט ביי אונז פאלגע. דאס זיינען גאנץ דינינקע בלעכלעך וויא פאפירלעך וואס זיינען פון גאנץ פערשיידענע פארבען אונ גלענצען וויא גליהענדעס זילבער אונ גאלד. זייא ווערין גיברויכט אום אונטער צו לייגען

דער מאנאט מאיי וואס אן זיך אונ פיר זיך (גאנץ אליין גענוג שיין איז. וואלט פאר געוויס געוועזן פיל מעהר אויפפאלענדער (זנאצנער) אונ בעצווייבערענדער ווען ער גיפאלגט (גענקומען) העטע. רעקטע (גראדעם וועגעם) נאך דעם רויען דעצעמבער. אזוי זיא אויך דיא רעבעקא וואס זיא גאנץ אליין וואר איבער דיא מאסען (איבערען מאם) שיין. בליהענד אונ גליהענד. וואר זיא אין פערגלייך מיט דער אלטליבע דאמע (וואס וואר אויך איינע גאנץ היבשע פרויא) נאך וועלכע זיא (דיא רעבעקא) האט רעקטע (גראדעם וועגעם) נאכגעפאלגט (נאכגענאנגען) נאך פיל מעהר שענער אונ בעצויבערענדער אלס זיא וואר אין דער ווירקליכקייט. דען זיא האט מיר דאן אויסגעוויזען אלס איין הימעלשעס געשעפף (בעשעפענעס) וואס האט זיך היר אויף ערדען (אויף דער ערד) פאר אירט. איך בין גיווארען אלזוי גאנץ אונ גאר איבערראסט (איסטרעוואזעט) אלס זיא האט איר פלאר צוריק גישלאגין אונ גערייסט אונ זיך איין עטוואס פאר נייגט. דען נאך האב איך ביז העהר אזוי פיל שיינהייט. צויבער רייץ. הארמאניע (רעגולארנאסט) גראציאזעס (אנעהמליכקייטען) אונ אנשטאנד (איין שיינעס באנעמען זיך) ניט גיזעהען פאר איינגט אין איינעם

ווייבליכען

זייא אונטער אויסגישניצטע זאכען פון פאפיר אדער פון קארע. דאמיט עס זאל זיך דורך דעם דיא שניצעריי זיך דייטליכער הערויס זעהען. אונ אזוי הייסט פאליע יעדער זאך וואס ווערט נור גיברויכט אום צו מאכען דייטליכער איינע אנדערע זאכע. אזוי למשל אום צוא פערשענערען איינע יונגע שיינהייט שטעלען מיר לעבען איר איינע אלטע העסליכע פרויא. וויא דא וואר דער פאל. אונ אזוי איינע אלטע פרוי הייסט דאן אויך פאליע.



ווייבליכען עקסעמפלאר (פערזאן) וויא אין דיזער רעבעקא אונ האב דאן ביא מיר גיטראכט. דיזעס מיידכען איז ניט פאבריצירט גיווארען אין דעם גימיינעם ווארשטאט פון דער נאטור. גיין זיא איז געוויס איינע האנד ארבייט דעם שעפערס זעלבסט. געשאפען וויא אונזער מוטער חוה ביא דעם זיץ (סעסיאן) פון זיינע גוטע איינגעלין *).

נאך מעהר איז מיר דיזעס מיידכען גיווארין גיפעלין אלס איך האב איר בעטראכט פון דער נעהע (פון נאהענטין) אונ איך האב איינגיזעהען דאס זיא איז קיין בלענדווערק. דען זיא איז ווירקליך אזוי שיין גיבליבען איבער דיא גאנצע צייט פון איהר זיצען מיט אונז ביא דעם טיש וויא אין דיא ערסטע מינוט פון איר איינטרעטין אין שטוב. אונ צווייטענס איז מיר העכסט גיפעלין איר שטימע. איר שפרעכין. זייער אין ריינעם טייץ. קורץ אונ בינדיג. אונ האב ניט ערשפירט אין איר דיא מינדעסטע קאקעטעריא (דאס הייסט איינע גיפאלזוכט. אדער לוסט צו מאכין זיך גיפעליג אונ רייצענד ביא איינעם מאנספערזאן) דען זיא וואר גאנץ נאאיף (אונשולדיג) וויא איין קינד**) וואס איהרע שיינהייט איז

מיר

*) אונזערע חכמים זאגען אויף דעם פסוק „נעשה אדם" דאס דער בורא ברוך הוא האט זיך בעראטין מיט דיא מלאכים זיינע אלס ער האט גימאכט אדם אונ חוה. איבער יעדעם גליד בעזונדער וויא עס זאל ווערען פארמירט דאס איז גימיינט זייא ווארען אזוי שיין געשאפען. אלס וויא גאט ברוך הוא וואלט זיך איבער דעם מישב גיוועזן מיט זיינע מלאכים. מלמד שנמנה הקב"ה עם מלאכיו על כל אבר ואבר.

**) פון דעם ווארט נאאיף קומט ארויס דאס ווארט „אויף נאוועס" פערגרייזט נעאיפעס דארף מען זאגען.

איר נאך איינגעהיימניס דאס הייסט וואס זיא ווייס ניט נאך דאס זיא איז שיין. אונ ביא אלעם דעם וואר צו פארשפירען אין איר איינע רעכטע דאזיס (פארציאן) פון שטאלץ וואס האט אבער געפוסט (זיך גיגרינדעט) נור אויף איהר אבקונפט (יחוס) אויף דעם גוטען מעמד פון איהרע עלטערען. אונ נאך מעהר אויף דיא אונבעגרענצטע ליבע פון איהרע עלטערין צו איר דען זיא וואר נור איין קינד ביא זייא אונ האבין גימיינט צוא פערהייראטהען איר מיט איינעם אידעשען פרינץ. אונ דער חיילע וואר עס דאן ניט איינער אזעלכער אונטער אונז אידען. אונ דיזער שטאלץ. אדער בעסער צוא זאגען דיזע ווייטע אויסזיכטין מיט איינער פארטי וואס דער מיט זיינען ליידער בעהאפטעט (אנגישטעקט) דער גרעסטער טהייל פון אונזער נאציאן וואר דיא קליפע אדער אנשטויס שטיין (צור מכשול ואבן נגף) אן וועלכען עס האט זיך צערשעלט (צו דרוזגעט) דער גליק פון דיזער פאמיליע אונ געפאלען אויך דיזער איינגעל דיא רעבעקא. צוואר ניט מוראליש (דאס הייסט ניט אין ערליכקייט) דאך אבער העכסט מאטעריאלעם (דאס הייסט אין גיזונד אונ אין מעמד) וויא מיר וועלין ווייטער ערציילען. אונ וואס דיזעם איז דער צוועק פון אונזערער ערציילונג אלס איין ווארנענדער ביא שפיל פאר עלטערען אונ פאר דיא טעכטער וואס טראגען דיא נאזע צו הויך אונ ווילען בעקומען פאר מענער וויא צו זאגען דיא קרוין פון דער נלאמענאציע.

Jewish hybris

קוין גיזאגט מיינע טייערע לעזערין מיר האבין דארט פערזאמט ביז צוועלף אין דער נאכט ביא איינעם גוטין גידעקטין טיש מיט אפעטיטליכע שפייזען וואס ווארען העכסט געווירצט דורך וויציגע אונ אינטערעסאנטע גישפרעכע אונ נאך מעהר וויא דיא ווארהייט צוא זאגען דורך דעם ביא זיין פון דער רעבעקע וואס עס וואר זיך ניט זאט

אנצוקוקין



אנצוקוקין איר. אונ זיינען אוועק פון דארטין מיט דעם פאר שפרעכין אב צו שטאטען זייא אבעזוך באלד אין דער אנדערע וואכע. אונ אלזוי אין אלעם גישפרעכען וואר דיזער בעזוך נור איינע פארקעהרונג (הכנה) צוא איינעם צווייטען בעזוך. דען עס וואר דארט ניט איין ווארט גישפראכען פון דער הויפט זאכע. דאס הייסט וועגען דער פארטי (שידוך). גענוג דאס איך בין אוועק פון זייא אלס בעקאנטער שוין. אונ אלס איין מענש פון געוויכט. וואס קען זיך שוין וואגען צו בעשטרייטען (איינצווענדען) מאנכע מיינונג זייערע איבער איינע פארטי מיט זייער טאכטער. ביא אונזער צוריק רייזע האבען מיר אונז אונטער האלטען וויא עס לאזט זיך יעדען לייכט דיינקען איבער דיא פאמיליע עגערט בכלל אונ איבער דיא רעבעקא בפרט איך האב אים (דעם הערש בענעוועטע) מודה גיוועזן דאס ער איז איין מבין. אונ דארף אלזוי ניט נעמען מיט זיך איין עם הארץ אום צוא זעהען אכלה *) דען עס איז ווירקליך דא אין וואס זיך צוא פערליבען. אונ ער ווידער האט מיר פערשפראכען צו בלייבען מיר דאנקבאר צייט ער וועט לעבען אין פאל ווען איך וועל אים דיזע פארטי אויס פירען. אלזוי קורץ געזאגט. מיר האבען איבער דיזען גענעגשטאנדע געשפראכען איבער דיא גאנצע ריקרייזע אונזערע וואס האט געדויערט מעהר אלס אפאר

שטונדין

*) אונזער גמרא זאגט דאס איין מענש טאר ניט נעמען אפרויא וואו ער זאל איר פריהער ניט זעהען. אונ ווען ער איז איין תלמיד חכם וואס קען זיך ניט פערשטיין וואס שיין איז אונ מיאוס דען ער קוקט דאך קיין מאל אויף פרויען. זאל ער געמען מיט זיך איין עם הארץ דאס ער זאל זיין דער מבין.

שטונדען . אונ נאך ניט בעענדעט . דען ווער נאך איז אזוי געשפרעכיג וויא איין פערליבטר אדער איינע פערליבטע דיא צייט באנקראטירט אין איר רעכענונג ביא זיא זעלבסט דיא אייביגקייט איז ניט גענוגענד פאר זיא אום אויס טרייטען אין איר איין רונדען ליבעס טרוים זייערען .

5.

"דער צווייטער בעזוך"

יא עס איז וואר די ליבענדע פערשערצען (פערשפאטען) דיא צייט . איהרע שטונדען גילטען ביא זיא מער ניט וויא פיר מינוטען . אונ וואס ביא אנדערע קען קאסטען העכבסט איינע שטונדע צייט . קאסטעט עס זיא איינע גאנצע ווינטער נאכט . דאך דער פאר רעכענט זיא (דיא צייט) זיך אפ זייער אפט מיט זיא זייער שטריינג . דאס מאנכע מאל לאזט זיא געלטיג מאכען ביא זיא איינע מינוטע פאר איינע שטונדע אונ אפט נאך פאר איינע אייביגקייט אין פאל ווען דער געליבטער אדער דיא געליבטע קומט ניט צוא דער אפגירעטע סעקונדע אונ לאזט איין עטוואס אויף זיך ווארטען . אונ דיזער פאל וואר אויך איצונד ביא אונזער בענעוועטען . דיא אכטאג וואס האט געדארפט פערשטרייכען ביז דעם צווייטען בעזוך וואר פאר אים איינע וואהרע אייביגקייט . יעדע שטונדע וואר אים איין טאג . אונ יעדער טאג איין יאר גאנץ פערקערט וויא ביא אונזער פאטער יעקב ביא זיינעם ליבען אונזער מוטער רחל וואס ווארען גאנצע זיבען יאר גערעכענט וויא איינע וואכע אונ אויך דאן אלס זיא איז שוין פאר איבער גינאנגען אונ ער האט זיך שוין אנגעשיקט (מכין גיוועז) צוא דעם צווייטען בעזוך . וואר עס אים

דאן



דאן נאך אויך ניט פערגענט (פערגונען) דען ער האט גימוזט אין דעם זעלבינען טאג געשעפטס האלבער פאר רייזען אויף אגאנצען מאנאט . אונ וואר דאריבער העכסט בעטראפין (אונרוהיג) . איך אבער האב אים גאנץ בערוהיגט וועגען דעם . הערען זיא האב איך צו אים גיזאגט ווען זיא ווינצען דאס איך זאל וואס טאן וועגען אייך אין דיזעם ענין קומט ביא מיר אויס . דאס עס איז פיל גלייכער דאס איך זאל דיזען צווייטען בעזוך אבשטאטען (אב פערטיגען) אן אייך . דען דאן וועל איך שוין קענען ריידען דארט פון אייך וואס עס וואלט ניט פאסען צוא ריידען אין אייער זיין דער ביא דארט . אונ וועל דאס גלייכען קענען קומען אויף דעם גרונד פון זייערע געזינונגען (מיינונגען) וועגען דעם . דען איינע געוויסע ענטזאגונג איז פיל בעסער אלס איין צווייפעלהאפטער יוא . אונ איר דארפט זיין אויף אלעם געפאסט (דאס הייסט רוהיג בלייבען צו יוא צו ניין דען יעדע פארטי מוז פריהער גישלאסען ווערען פון גאט אליין וואס ער איז דער לענקער דער עהען (פון שידוכים) אלזיי מיין פריינד ווען דיא פארטי וועט ווערען איז גוט אונ ווען ניט נאך בעסער . דען דער בורא ברוך הוא פערשטייט בעסער צו ווילען פאר אונז אלס מיר זעלבסט אונ ניט וועל איך אין מיינעם לעבען פאר געסין דעם גאלדענעם שפריכווארט וואס איך האב געהערט פון מיינעם זעליגען פאטער ז"ל דוא זאלסט דיין שונא רודף זיין ווען עס דיר נייטיג איז מיט וואס דוא קענסט נור קיין שידוך זאלסטו דוא אים ניט מכלה מאכען . דען פיללייכט וועסט דוא אים טאן דורך דעם דיא גרעסטע טובה .

עס איז צוואר גאנץ ראזאנע (קלוג) געזאגט האט זיך דער בענעוועטע אפגערופען צו מיר דאך לאזט זיך זייער פיל איינווענדען אין אייערע לעצטע רייד וואס איר

האט

האט געזאגט דאס יוא אונ ניין דארף זיין ביא מיר פיל גלייך. דען ערסטענס דארפט איר וויסען דאס מיין וועלען טאן דיזע פארטי (שידוך) מיט דער רעבעקא איז ניט צו פערגלייכען צוא אלע אנדערע אידעשע שידוכים. דען דארטין איז דער גאנצער אויסקוק נור אויף דעם נדן. אויף דיא הייזליכע אומשטענדע (מעמד) פון דער כלה'ס עלטערען. וואס דאס איז נור איינע קאלטע געלט איטערעסע וואס לאזט זיך זייער לייכט בעהאנדלען אונ ענטשיידען (רעשען) דורך דעם קאלט בליטיגען פערשטאנד. ביא דיזע פארטי אבער איז נור איינע פלאטאנישע (ריינע) ליבע אין שפיל. דען איך ליב דיא רעבעקען פון גרונד מיינעם הערצענס אונ איך העטע זיא געליבט אויך העטע זיא געווע איינע בעטלערין. אונ וואו אזוי איינע ליבע אין שפיל איז. מוז שוין דער פערשטאנד מיט זיינע קאלטע בערעכנונגען זיך גאנץ צוריק ציהען. אזוי איינע ליבע טראצט (איז נגד) אלע גיפאהרען זעלבסט דעם טויט וויא דער פסוק זאגט „עזה כמות אהבה״ אונ זאג איך רונד ארויס אז אין פאל זיא זאל מיך ניט וועלען בלייבע איך זיצן אן אפרויא מיין גאנצעם לעבען. אלזוי הייננט אפ אן יר יוא אונ ניין מיין גאנצעם וועזען (פארהאנדען זיין אויף דיזער וועלט). באקומען מיר פון איר איין יא ווארט. בין איך דער גליקליכסטער אונטער אלע מענשען. בעקומע איך אבער פון איר איין ניין. בין איך גאנץ פערלארען. איך וויל מיך ענטזאגען פון אלע וועלטליכע פריידען. אונ צווייטענס וועל איך ניט אויסהאלטין זעהענדיג איר. אדער אז נאר וויסענדיג איר אין די ארעמס איינעם אנדערען וויא דער פסוק זאגט „קשה כשאול קנאה רשפיה רשפי אש שלהבת יה״ דאס הייסט דיא אייפערזוכט (קנאה) איז אונגערביטלעך וויא דיא העלע (גיהנם) איהרע

פונקען

his love is untainted by monetary considera-tions.



פונקען זיינען פייעריג וויא דיא פלאמע גאטעס. דאס הייסט זיא פערצערען דעם געקריינקטען פערליבטען. אהנע (אן) רעטונג.

דאך מוז דיא ליבע איהרע גרענצען האבען. האב איך מיך אפגערופין צוא אים. זיא מוז אויך געציילט ווערען (געקעלזעוועט) דורך דעם פערשטאנד. זאנסט קען זיא זיך פעראירען צו וואס פערבאטענעם למשל צו ליבען איינע אשת איש. אדער צו וואס אונמעגליכעם. למשל צו ליבען איינע פריצעסין אונ דאס גלייכען. אלזוי מוז דאך געליבט ווערען מיט איינער בערעכענונג נור. אונ צווייטענס קען זיך נאך געפינען פאר אייך איינע צווייטע רעבעקא. דען מיידכען זיינען דא הילע אונ פילע אלזוי איז דא פון וואס צו ווייהלען. אונ בפרט פאר אזוי איינעם וואס וויל ניט שטיין אום געלט. אונ דאהער זייט געפאסט אויף אלעס דאס הייסט בלייבט רוהיג צוא יוא צו ניין פיל גלייך.

א זיא זיינען איין גוטער מוראליסט (מוכיח) האט זיך אפגערופען צוא מיר דער בענעוועטע נור אום איינעם אידעשען ארעם בחור'ל איינצושיכטערען (צוא ערציטערען זיין מוטה) וואס ווייס מער ניט וויא פון איינער פיהישע לוסט (תאות הבהמית) אבער ניט פון איינער פלאטאנישע (ריינע אונ גייסטיגעם) ליבע. אונ אזוי איר זעלבסט קענט אויך קיין בעגריף האבען דער פון. דען מען האט אייער הערצען גאר קיין צייט געגעבען אום עס צו לאזען אויף צו שפראצען אין אים. מען האט אייך אנגעטרונקען נאך בעפאר עס האט אייך געדערשט. אונ ווידער ניט פערגעסט דאס איר זייט שוין אין לעבען שוין פיל ווייטער געריקט (עלטער) אלס איך. עס איז אייך שוין אייער מוטה געלעהמט. אונ ניט אייך איז שוין צוא ראזאנירען איבער דיא ליבע. איי וואס איר פרעגט מיך וואס טוט מען מיט

איינער

איינער פערבאטענע און פארוועטע ליבע. מען פערשמאכטעט און מען וועלקט (וויאנעט) וויא איין בלאט אין הערבסט צייט און דיזעס הייסט חולת האהבה (ליבעס קראנקהייט).

נון גאט זייא דאנק האב איך אים גיענטפערט דאס איך בין פון דיזער קראנקהייט פערשוינט געווארען גאנץ אומגעקערט האט ער זיך אפגערופען ווער עס האט ניט געליבט דער האט ניט געלעבט. דען אלע גענוסע (תענוגים) זיינען נור געשאפען פאר דעם מענשען. און ליבע איז דער גרעסטער גענוס (פערגעניגען) אונטער אלע גענוסע וויא דער פסוק זאגט „מה יפית ומה נעמת אהבה בתענוגים" דאס הייסט דוא ליבע ביסט דער שענסטע און אנגענעהמסטע פערגעניגען אונטער אלע פערגעניגונגען. און דער פון ווייס מעהר פאר אלע אנדערע ברואים נור דער מענש. נור ער פערשטייט צוא וויהלען (אויס צוא קלייבען) דיא שענסטע אונטער דיא פרויען אבער קיין פיה (בהמה) קיין טהיר (חיה) און קיין פויגעל. און וויל דיא פלאטאנישע (ריינע און גייסטיגע ליבע) איז מער גייסטיגעס (רוחני) אלס מאטעריאלים (גשמית) וואר זיא געברויכט אימער פון אונזערע נביאים און בעלי מקובלים פאר משלים אין זייערע הייליגע ספרים. למשל וויא שיר השירים. און אין יחזקאל. אין ירמי'. אין תרי עשר. אין ישעי' און אין לכה דודי.

קורץ געזאגט מיינע טייערע לעזערין. עס וואר אונטער אונז איין גרויסער ויכוח איבער דעם און דאס ענדע וואר דער פון דאס יעדער פון אונז ביידען איז זיך געבליבען ביי זיינער פאריגען מיינונג וויא דיא ענדע איז פון אלע אנדערע ויכוחים. ער איז אוועק גיפארען באלד נאך דעם און איך האב מיך אנגעשיקט (מכין גיוועזן) צוא מאכען איינען צווייטען בעזוך ביי דער פאמיליע עגערט דאך

אבער



אבער אום ניט אויס צו זעהען דאס איך קום צו זייא אלס שדכן. האב איך דיזען בעזוך אויפגעשאבען (אפגעלייגט) אויף איין אכטאג ווייטער. און בין דאן געקומען אהין אלס פראגענדער צוא ווייסען זייא ניט וואס איז דאס דער מער מיט דעם בענעוועטען וואס איך האב אים ניט גיזעהען שוין פון יענער צייט אן וואס מיר האבען זייא בעזוכט צום ערסטען מאל.

איך בין אויפגענומען געווארען פון זייא זייער פריינדליך און ליבליך. און האב דארט דעם ערסטען מאל אין מיינעם לעבען געשפילט איינע פאלשע ראלע צוא מאכען זיך ניט וויסענדיג אזוי אזאך וואס איך האב זיא גיוואוסט פון איר נאך פיל פריהער אלס דער יעניגע ביי וועמען איך בין גיקומען עס פרעגען. דאס הייסט וואס איז דאס מער מיט דעם בענעוועטע וואס ער איז צו מיר ניט געקומען צו דער אבגערעטע צייט אום צוא בעזוכען זייא און וואס איך זעהע אים שוין ניט גאנצע צוויא וואכען.

„ער איז געשעפטס האלבער אוועק" האבען זייא מיר גיענטפערט און אוועק גיפארען אויף אגאנצען מאנאט עס וואר ביי זייא אויך דאן אלזוי דיא טייא צייט און וואר געלאדען צוא דעם טייא טיש צוואר האט אונז דאן אויך ניט גיפעלט פון וואס צוא ריידען. דען עס וואָרען דאן דיא צייטונגען פול מיט גייעקייטען וועגען דעם קריג פון רוסלאנד מיט טירקייא. יעדער פון אונז האט געזאגט זיינע מיינונגען דאריבער. דיזעס אבער האט מיך גאנץ ווייניג אינטערעסירט. דען איך בין דאך אהין גיקומען ניט אלס דיפלאמאט (פאליטיקער) נור אלס ברויטווערבער (שדכן) און דער עגערט וואר אבער אזוי ווייט פארקאכט אין דעם דאס עס וואר מיר שוין גאנץ אונמעגליך צוא

גיפינען

גיפינגען איין אויס וועג פון דיזעם ליידיגען גישפרעך אום
צוא קומען צוא מיינעם אבזיכט וואס דאס איז אום צוא
ריידין וועגין דער פארטי מיט דעם בענעוועטע. דאס איך
האב גימיינט שוין דאס דיזער אווענט וועט ווערין אין
גאנצען פאר צערט נור פון דיזען פאליטישען גישפרעך.
אונ וועל מיך מוזען אומקערען צוריק נאך הויזע אהנע
גילעגענהייט צוא האבען איינע זילבע (לויט) צו שפרעכען
איבער מיינע מיסיאן (שליחות). אונ אויס גילאזין האט
זיך גאנץ דער חפך דער פון. דען באלד נאך טייא אלס
דיא רעבעקא האט אפ גיטראטין פון טיש מיט איר
גובערנאנטע אונ זיינען ארויס פון שטוב דרויסען אום
צו גיניסען דיא פרישע לופט. האבין ביידע עלטערין אן
גיהייבין נאך צוא פרעגין ביא מיר אויף איינעם ווילנער
יונגער מאן וואס ווערט זייא פאר געשלאגען אלס פארטי
פאר זייער טאכטער. אונ מער וויא דיזעם האב איך ניט
געברויכט אום ארויף צו קומען זייער פאסענד אויף דעם
בענעוועטען.

איך האב דיזען יונגען מאן זייער גוט גיקאנט אונ
האב זייא גיגעבין איינען ריכטיגען בעשייד איבער איהם
אונ וויא אויך איך וואר דאך בענעוועטעם צד ביא אלעם
דעם האב איך זייא נאך צוא גירעט דער צו ערסטענס
דען ער וואר ווירקליך איין וויכטיגער יונגער מאן. פון
שיינע לייט גיבילדעט איין טיכטיגער קויפמאן אונ איין
מענש פון דער בעסטען אויפפיהרונג. אונ צווייטענס אום
זייא זאלין אין מיר ניט ערשפירען דאס מיין אבזיכט איז
דורך אויס אריין צוא שאדכענען זייא דעם בענעוועטע.
אונ דריטענס וויל איך האב גיוואוסט איך גייא דא אויף
איינעם איינערנעם בריק. דען יענער וואר שוין פערליבט
אין איינער אנדערע מעהר אלס איאר עס איז צוואר נאך
איין



אין געהיימנים פאר דיא עלטערין דאך וויא איך וייס שוין
אויף קלאר איז שוין אזוי גוט וויא ער וואלט שוין
גיוואהרען מיט איר אחתן. אונ דאס וואס ער לאזט זיך
ריידען שידוכים איז צום שיין אונ דאך האבען זייא זיך
אפגירופין קענען מיר אונז ניט ענטשליסען עס צו טאן.
1. ערסטענס גיפעלט ער ניט אזוי שטארק אונזער טאכטער.
ערשיינט איר צוא זיין פון רויהער זיטע קיינע ערציהונג
2. גיהאט צו האבען. צווייטענס זיינען מיר ניט גיוויס מיט זיין
קאפיטאל דער ווייסט וויא פיל ער איז שולדיג. דען אלע
איירע ליטוועשע סוחרים זיינען וויא מען זאגט גאר
פוסטע גראמען. אונ ביא אלעם דעם האב איך מיך אפ
גירופען מאכען זייא גרויסע גישעפטען האבען איינענע
קאמפאניצעס אונ טוען גרויסע שידוכים אונ דיזע אלעם
האט זיך דעם עגערסט פרויא דיא עבסה אפגערופען
זיינען עס קנאפע בעווייזע אויף זייער גוטען שטאנד.
וויא איך האב גיהערט. איז ניט דא איינער פון זייא
וואס האט שוין ניט צעהען מאל באנקראטירט. אונ ניט
איינער פון זייא איז דא וואס האט ניט פערשריבען זיין
מויער אויף דער ווייבס נאמען. אונ דיא וואס האבען
שוין ווירקליך קאפיטאלען זיינען גאר קיינע קויפלייטע פאר
נעמען זיך גאר מיט וואוכער (פראצענט) ביא אונז אין
וואלינען שטייהען אונזערע קויפלייטע אויף איין פיל
בעסערען פוס. דען ביא אייך וויא איך האב איינגיזעהען
ליגען דיא גישעפטין גאר אין דיא הענט פון דיא פרויען
אונ פון דיא מיידכען. עס גרוילט מיך פאר דעם גידאנקען
דאס מיינע רעבעקא זאל ווערען איינע סאחריקע. מען
רעדט אונז אפילו נאך שידוכים פון אייער שטאדט אזוי
גאר גרויסע אונ מיר נעמט עס ניט. אונזער טאכטער
וויל עס גיט הערען אונ ניט זעהען.
אונ

אונ ווארום ווילט איר ניט פון וואליגען האב איך איר גיפרעגט. יענע האבען ווידער אנדערע פעלער האט זיא גיענטפערט דיא דארטיגע יונגע לייט זיינען העכסט אונוויסענד. דער גרעסטער טייהל פערטראגען מיט חסידות קורץ גיזאגט. עס איז דער ווילע מיט איינער אוים גיבילדעטע אונ שיינע טאכטער וויא אונזערע איז. איז גיט דא מיט ועמען צו טאן. אונ מיר זיינען דורך דעם העכסט בעזארגט. דען אונזער טאכטער איז שוין אלט איין אונצוואנציג יאר. האהע (הויכע) צייט צו פערהייראטען איר. דען באלד וועט עס הייסען בייא אונז אידען איינע אלטע מאד. פיללייכט וועט איך וואס גלייכעס ארויף קומען אויף אייער זינען.

אונ נאך מיינעם גוטאכטען (פאמאעמו) האב איך מיך אפגערופען צו זייא גאנץ בעדעכטיג וואלט גיוועזען פאר אייך איין גלייכער שידוך מיט דעם בענעוועטען. דען וויא דיא ווארהייט צוא זאגען איז ער אמאן אויף דעם פלאץ ער איז שיין קלוג. דורך גימאכט דיא טעכנעשע שול. אונ איז אויסער דעם אויך שיין גיבילדעט. ער איז איין גאנץ זאלידער קערעל (ערליכער מאן) פון שיינע לייט. זיינע עלטערען זיינען גוט אין שטאנד אונ האט איין שיינעם געהאלט. אונ וועט מיט דער צייט דאפעלט האבען. דען ער איז דאך איין פאך מענש אונ וועט אלזוי אימער האבען אשטעלע בייא איינער אייזען באן. אונ דער צו נאך ליבט ער אייער טאכטער פון הערצען. אונ דער מיר שיינט מוז ער אייער טאכטער אויך גיפעלין ניין וויא עס איז עם ארוים צוא זעהען פון איר אויפנעהמען אים. אלזוי מיינעם גוט אכטען נאך (לפי דעתי) זוכט איר אין דער ווייטען-וואס איר האט אונטער אייער נאז. וויא אויך אבער מיינע רייד וואַרען לויטער ווארהייט

אונ



אונ גישפראכין מיט איינעם גיזונדען מענשען (פאר שטאנד) האבען זייא דאך פערוואונדערט זייער הערץ וויא דאלקען (שטילעטען) אונ גשפיזען. אונ האבען דיזען פארטראג (פארשלאג) מיינעם אויסגעליטען וויא איינע שווערע אפעראציאן דען איך האב גיזעהען וויא עס האט זיך בשעת מעשה געמינעט בייא זייא זייערע געזיכטער. אונ האב באלד דארויף בעקומען איין אנטווארט פון זייא דאס עס איז מיר פערנאגען דאס הערען אונ זעהען העטע אונז דיזען פארשלאג געמאכט איין געמיינער שדכן האט זיך דיא עכסה אפגערופען צו מיר מיט גרויס פערדרוס וואלטען מיר אים פערגיוויס גיוויזען דיא טיר נור אייך וואס איר זייט גיקומען צו אונז אלם בעזובער. מוזט איר גישווינט ווערען פון אונז אלם גאסט. אום צוא אבפערטיגען אייך בלויז מיט דער זעלביגע אנטווארט וואס אלכסנדר מוקדן האט אפגיענטפערט זיינעם פעלד מארשאל לעאזאנדער אלם ער (דינער פעלדהער) האט אים (דעם אלכסנדר) צוא גירעט דאס ער זאל איינגיין (מרוצה ווערען) אין דעם פרידליכען פארשלאג וואס עס האט אים פארגישלאגען דער דריוש קיניג פון פערזען וואַ- ווער בעזיגט (איין גינומען גיווארען) פון דעם אלכסנדר. דאס ער וויל אים אוועק געבען איין האלבעם לאנד אונ דער צוא זיינע איינציגע טאכטער פאר איינע פרויא אום ער זאל פרידען שליסען מיט אים אונ אלם אלכסנדר האט ניט גיוואלט אונ זיין פעלדהער דער לעאזאנדער האט צוא אים גיזאגט. העטע איך גיוועזען אלכסנדר וואלט איך דיזען פארשלאג מיט פריידען אנגענומען. האט ער אים צוריק גיענטפערט העטע איך גיוועזען לעאזאנדער. העטע איך אויך מיט פריידען דיזען פארשלאג אנגענומען. מחיכי תיתי העטען מיר גיוועזען אייער גלייכען וואלט עס גיוועזען איין גוטער

שידוך

THEIR ABRUPT REFUSAL



שידוך פאר אונז. (זאנסט דאס מיר זיינען ניט דאס וואס איר זייט איז עס איינע גרויסע קרומקייט און צו גלייך איינע בעליידיגונג פון אייך. אזוי איין עטוואס פאר צו שלאגען אונז. ווער איז ער איין שמיד. איין שלאסער. איין שטעלמאכער. גוט געזאגט. איין סייסטער. דאך אבער איין בלויזער האנדווערקער. גייט אנגעטאן אין ארימעגעם פארטוך. דאס געזיכט פערדוסט. און האט זיבען הונדערט רובעלעם איאר געהאלט דאס איז איין אנטוטה פון אייך (האט קיין פאראיבעל ניט מיר האבען אייך פאר פיל קלינגער געהאלטען אלס איר זייט אין דער ווירקליכקייט וויא קומט אזוי איינער צו אזוי איינע רעבעקע דיא פערלע פון אידעשע מיידכען דער צו נאך מיט אגדן פון איינינע טויזענד רובעל. און אהנע שטאלץ צוא זאגען אטאכטער פון פארנעהמע עלטערין. נור גענוג זייט ווייטער געשייטער און רעט זיך עס חלילה ניט אויס פאר איינעם אנדערע און איבער הויפט ניט פאר אונזער טאכטער חלילה. דען עס וועט איר עס הערכסט קריינקען. יענע מאכט פענזע פון אים אלס ער גייט אוועק. דאס ער ניט איטער אן צו הערענם איר און אונז דאס ער ליבט זיא. און העטע זיא גערען צו פרויא האבען מיר האבען עס אן גינומען נור פאר איין בלויזען שערץ (קאטאוועס) און ווייטער ניט און פלעגען עס אראפ שלינגען זייער לייבט און פערצייהעט אים אלס איינעם יונגען מאן פון באן טאן (נייע מערישער) וואס מיינעם צו שמייכלען דיא דאמען מיט דיזע ליבע ריידענם ארטען. און דיא דאמען און פריילינם ציינען זיך דער ביא גאנץ בעשיידען אום אנצונעמען עס זעלבסט פון דעם נידעריגסטען אלס בלויזעם קאמפלעמענט.

און איך פערקערט האב איך מיך אבגערופען האב איך געהאלטען פאר פיל קלינגער אלס איר זייט אין דער

ווירקליכקייט

NARRATOR FIGHTS BACK



ווירקליכקייט. דען לויט אייער שפרעכען מיט מיר ביא דעם ערסטען בעזוך און אין דיזען אווענד ביז מיר האבען בעריהרט דיזען געגענשטאנד האט איר ביא מיר אויס גיזעהען פאר א מענשען מיט א גיזונטען פערשטאנד וואס פערשטייען זיך זייער גוט אויף דיא וואהרע גיטער דאס לעבענם. גענוים און וואס זיינען שוין צייט געמעסענע (סאווערעמענע) מענשען וואס זיינען שוין איבער האבען (ווייט) פון אלע פארצייטינע פאראורטהיילע (דומהייטען) זעלבסט ביא איינע פארטי מאכען גלייך וויא דיא קריסטען וועלט וואס גיבען אוועק זייערע טעכטער מיט זייערע געשעפטען מאנכען ארענטליכען בוכהאלטער זייערען וואס זייא זעהען אין אים איין דאס ער איז איין פעהיגער (שפאכאבנער) מענש צוא דיזע גישעפטען. נון לאזט זיך איצונד אויס דאס איך האב מיך אין אייך גאנץ בעטראגען איר דיינקט נאך ביא איינער פארטי מאכען מיט א טאכטער וויא אלע נאך אלט מאדישע אידען וואס ווילען טאן שידוכים ענטפער מיט איינעם עלוי אדער מיט א רייכען סוחר וואס הייבען אן צוא פירען זייערע מסחרים וויא גאנץ אונוויסענדע. און ענדען עם נאכהער מיט באנקראט. און שטארבען אלס יורדים און איין טעכניקער ווערט וואס איאר ווייטער אלץ גילטיגער און גילטיגער. דאס זייא בעקומען מיט דער צייט גיהאלט צוא פינף זעקס טויזענד רובל איאר. און באהנען וועלען נאך ערסט אנגעהייבען ווערין צוא בויען גאר אן אצאל. אלזוי בלייבט מען ביא אונז אידען ביא (דעם אלטען שפריכווארט מען איז נור גוט ביז דעם ביטעל. און קלוג ביז דעם טאן) דען גיט איר זייט דיא ערסטע ביא אונז אידען וואס קריטיקירען אנדערע און זייא אליין טוען ניט בעסער אלס יענע. אלזוי מיינע הערען פערצייהעט מיר וואס איך האב אייך

קלינגער

EG. OF THE GOYIM

קליגער גיהאלטען. אונ בלייבט מיר גוטע פריינד וויא צו פאר. אונ דאס זעלבע וועל איך אייך בלייבען. אונ פערשפרעכע אייך דאס איך וועל מעהר ניט שפרעכען דער פון מיט קיינעם.

מען קען אנדערס ניט זאגען האט זיך אפגירופען דער ר׳ מרדכי עגערט דער געזונטער מענשען פערשטאנד זאגט. דאס עס דארף אזוי זיין וויא איר זאגט. אונ וויא ביי דיא קריסטען פיהרט זיך דאס ביי איינע פארטי דארף מען ניט קוקין אויף זייטיגע זאכען נור אויף דעם קרן אליין. ליידער אבער קען אזוי געהאנדעלט ווערען נור אין דער קריסטען וועלט וואס זייגען שוין ציוויליזירט (וועלטליך) ניט אבער ביי אונז אידען וואס אונזער נאציאן אין גאנצען איז נאך גאנץ צוריק אונ וואס זיינן מדקדק ביי אשידוך כחוט השערה. אויף יחוס. אויף אנשטענדיקייט אויף אפולע גדן. אונ וואס איין האנדווערקער איז נאך ביי זייא גאנץ פעראכטעט אונ דאס גלייכען איין אויסגעשטודירטער אלזוי מוז שוין זעלבסט דער וואס גוט דיינקט אונ פערשטייט שוין דאס מען דארף זיך אנדערם בעגיין ביי איינער פארטי פון איינער טאכטער מוז ער דאך מיט מאכען אלעם מיט דעם עולם אונ פשיטא שוין אין וואס עס אנבעלאנגט אן איינעם שידוך אזוי ווי יענער וואס גייט אויף דעם אטאפ געשמידעט אויף איין קייט מיט איינעם צווייטען מוז צוא ליב אים שוין ניט ווילענדיג אריין שפאצירען אין פארטעמאן זייער אפט נור צו ליב דעם אנדערען אלם ער ברויכט צוא פערריכטען זיין נויט דורפט אלזוי מוזען מיר טאן אשידוך וואס זאל שוין פאסען מער פאר דיא אידעשע וועלט פאר דיא משפחה אלס פאר אונזער טאכטער דען עס ווילט זיך ניט אוים ברעכען. אונ מען דארף עס טאקע ניט.





קורץ געזאגט איך בין פון זייא אוועק אנגעקריינקטער אונ דאך האב איך גימוזט זייא פערשפרעכען צו בעזוכען זייא אפטער מיט דעם בענעוועטען אונ מיר האבען עס געטאן נור אוים אנשטאנד (דרך ארץ).

## 6.

### דאס ווידער זעהען זיך מיט דעם בענעוועטע.

אין אפאר וואכען ארום איז דער בענעוועטע ניקומען צוריק. אונ האט מיך באלד וויא ער איז אראפ פון וואגען בעזוכט אום צו וויסען דעם רעזולטאט (פועל יוצא) פון מיינעם דארטיגען בעזוך. אונ איך האב אים אלעם דער ציילט וואס וואר דארט געשפראכען. אונ האב אים צוא גליך בעשווארען. דאס ער זאל זיך מאכען גאנץ ניט וויסענדיג פון אלעם דיזעם. אונ זאל דארט ביי אונזערע בעזוכע שפילען דיא זעלבינגע ראלע וואס ער האט דארט פריהער געשפילט. זאל זיך ציינגען דארט אימער הייטער אונ לוסטיג. אונ מאכען דער רעבעקע דיא זעלבע קאמפלעמענטע וויא ביז אהער. זאנסט וועלען מיר ביידע אויסזעהען וויא אפגעשמיסענע. ער האט עס מיר צוואר פערשפראכען. אין גרונד אבער וואר ער העכסט ניקריינקט אונ פארקלעמט דאס ער האט באלד אויסגיבראכען אין טרערין ליבער פריינד האט ער זיך אפגערופען צוא מיר נון זיינען אלע לעבענס פריידען פאר מיר פארלארען. אונ איך בעוויינע מיך אין פאראוים שוין דען איך וועל שוין קיינע אנדערע נעמען אלזוי האט שוין מיין לעבען קיין געהאלט (ווארטאסין) פאר מיך. רעבעקען פערלארען אלעם פערלארען. א פערפלוכט דיא ערסטע שטונדע וואס איך האב אין איר דעם ערסטין מאל איר גיזעהען. זיא פעראכטעט מיך. אונ איך פאר

גטערע זיא מיין שטאנד איז איר צוא קליין. אונ מיר איז איר שטאנד צוא גרויס. א מעכטע זיא בעסער גיוועזן דיא טאכטער איינעס גימיינעם האנדווערקערס. איינע ארעמע יתומה. דאן וואלט זיא דאך מיין גיוועזן. דען איך ליבע נור זיא (איר). איך נעם קיין ריקזיכט (אוואזענע) אויף איר גדן. ניט אויף איר יחוס. אונ פיליכט ניט אויף איהר שיינהייט וואס אין פארלויף פון צעהען יאר וועט עס גיוויס פערשוואונדען אונ זיך פערליערען וויא דער פארבען שוים פון איינעם מאיאווען רעגענבויגען. איך ליב זיא (איר) נור אוים איינער ריינע פלאטאנישע (גייסטיג) ליבע. איך בעפראגע זעלבסט מיין הערץ ווארום גיפעלט דיר גראדע זיא. שיינהייטען אהנע געלד זיינען דא הילע אונ פילע אונטער אונזער נאציאן. ווילינע נור איין איינע אנדערע צו זוכען. וואס נור שיין אונ ליבליך זיין זאל. אונ ווייטער ניט וועט מען דיר געבין צעהען פאר איינע. וועסט צוא ווילען האבען פון פיל מעהר אלס אחשורוש דער פערזיסער קיניג אין זיינעם פול געפאקטען הארעם (פרויענהויז) אונ דער צוא נאך פאר פיל ביליגערין פרייז אלס ער. איך בעפראגע עס (דאס הערץ) אונ עס בלייבט שטום וויא דער מאגנעט אלס ער וואר גיפרעגט אמאל פון איינעם שטיק גאלד ווארום פערבינדעטע ער זיך גראדע מיט דעם רויהען אייזען אונ ניט מיט אים. איין רעטזעל (ארעטענעס) איז דיא וועלט אונ נאך מעהר דאס מענשליכע הערץ. רייך אונ ארעם אין זיינע ווינצונגען. קליין אונ גרויס אין זיינע פלענע איז עס גירייצט (דאס הארץ) ברעכט עס דורך וויא איין רייסענדער שטראם אלע דאמען (טאמעס) פון דער רעליגיאן. פון דער מוראל. וויל אלעם פערניכטען שוינט דאן זיין אייגענעם לעבען ניט *) איז עס רוהיג לאזט עס

זיך

*) (מדרש קהלת ד' סימן ז'). יש אחד ואין שני זה יצר



זיך לייטען (פיהרען) דורך איין גוט ווארט וויא איין זאנפטעס שעפליין (שעפסעלע).

איך בעווינע מיך אונ נאך מעהר זיא (איר). דען איך פערליערע אין איר נור אזוי איינע פערזאן וואס העטע גיקאנט מיין לעבען פערזיסען. געבען אים איינהאלט (אוויכטעקייט). זיא אבער פערלירט אין מיר איינעם טרייען אונ עכטען גיליבטען אונ צו גלייך איינען שיצער, גענערער, איינען מאן וואס האט איינע גוטע ערציהונג גענאסען, אונ וואס איז מיט גאטעס הילף געזיכערט מיט זיינעם ברויט וואס האט געוויסע אויסזיכטען צוא ווערען אמאל אשעף. אדער אדירעקטער אין איינער אייזענבאהן אדער אין אפאבריק. אדער אזוי גאר צו האבען איין אייגענעם פאבריק. איינען מאן וואס וועט איר ניט איינשפאנען וויא אסיבירסקען הונד אין אגישעפט. אונ וואס וועט איר ניט בעלאסטען מיט זארגין אונ בארגין. אונ אם ענדע מיט איינעם אנזען. אונ ווער נאך ווייס ציא וועט זיא נאך ניט הייראטהען איינען רייכען פילצען (קארגין) אונ אנקומען נאך אויף שטיף קינדער. אם ווייניגסטען נאך ליידען פון שניר אונ איידעמס וואס וועלען זיין אויף קעסט ביא איר. וויא עס איז דיא זיטע ביא אונזערע אידען. א מיינע טייערע רעבעקע עס טוט מיך לייד אום דיך. דען מיינע ליבע צו דיר וועט נימאלס אויסגעלעסט ווערען. זעלבסט ביא דיינעם פערהייראטהען זיך מיט איינעם אנדערען. ווייהע מיר דאן ווען עס וועט דיר גוט זיין דאס דוא געהערסט שוין ניט מעהר צו מיר אן. אונ דאפעלט

וועט

הרע ואין שני שאין לו בן. זוג בעבירה, גם בן ואח אין לו בשעה שאדם הולך לעבור עבירה אינו רואה שיש לו בן שימות בעונו ואינו רואה שיש לו אח שיתבייש ממנו ויתגנה בו.

(אל) הלית

הערט מיר ווינד אונ וועהע זיין ווען איך זאל וויסען דאס דוא
ווערסט שלעכט בעהאנדעלט פון יענעם.
אונ מעהר פאר אלץ טוט מיר לייד דאס דיזער איינגעל
(דיא רעבעקע) איין מייסטער ווערק גאטעס זאל זיין בעהאפטעט
(אנגעשטעקט) מיט אזוי איינעם בויערישען שטאלץ. דאס זיא
פעראכטעט מיך אזוי גאר זאל קיינע גיהעריגע ערציהונג
גינאסען. זאל זיך ניט פערשטיין אויף דיא וואהרע גיטער
דעם לעבין. אונ וואס איז בילדונג אן ערציהונג. איין אפע
(בוזאנע) אין איינעם שיינעם ראק. וואס איז אוים געלערענט
געווארען אויפצופירען זיך אלם מענש אונ איז דאך ביא אלעם
דעם איין אפע. אונ דיזעם איז פיליכט דער מיין פון דיא
חכמים וואס זייא זאגען דאס דרך ארץ.(ציוויליזאציע) וואר
מיט צוויא טויזענד יאר פריהער אלם תורה. דאס איז געמיינט
מענש מוז פארהער גוט ערצויגען ווערען אום דיא בילדונג
צו פערדייהען. זאנסט בלייבט מען נאך פיל מער שעדליכער
פאר דיא מענשליכע געזעלענשאפט אלם איין העכסט
אונוויסענדער ווייל מען ווערט דורך דעם נור מעכטיגער וויא
צוא בעהערשען אונ אונטער צו דריקען דעם איינפאכען מענשין
וויא עס איז צו זעהען דאס איין קליינער אינגעל פיהרט צעהען
אקסען אין שעכטהויז. אונ דאס איז נור מער ניט ווייל ער
איז קליגער אלם זייא זיינען.

קורץ דער פון מיינע טייערע לעזערין. איך וויל דיר
ניט בעלאסטען מיט דער גאנצען ערגיסונג גאונ אוים שיטונג
פון זיינעם געמיט פאר מיר דאן. דען עס איז שוין האהע
(הויכע) צייט אומצוקערען אונז צוא אונזערער ערציהלונג.
אין אפאר טעג ארום נאך דיזען גישפרעך האבין מיר ווידער
בעזוכט דיא ענערטעשע פאמיליע וויא מיר האבען פאר אב
גירעט. דאס הייסט גישפילט דער ביא גאנץ דיא זעלבע
ראלע וויא ביא דעם ערסטען בעזוך. זיך געוויצעלט. אונ





גימאכט דעם מעדכען קאמפלעמענט איבער קאמפלעמענטע.
מיר ווארען אבער אויפגענומען געווארען גאנץ קאלט. דיא
רעבעקע האט זיך גאנץ בעצייטען ארוים געמאכט פון שטוב
אונ האט אונז גילאזט זיצען גאנץ אליין. דען דיא עלטערין
זיינען אריין מיט איינעם נייעם גאסט צו זיך אין נאכבענעט
אום צו ריידען מיט אים וואס געהיימנים. אונ איך וואס
האב יענעם גיקאנט. האב איך מיך באלד גישטויסין דאס
יענער איז גיקומען פיל מעהר וועגען איינער פארטי אלם
גישעפטס האלבער. איך האב עס מיט גיטיילט דעם בענעוועטין
אונ מיר האבען באלד גינומען אבשייד פון דארט. אונ זייגען
אוועק פון דארט העכסט געקרייענקט. מיט דעם בעשלום שוין
מעהר ניט צוא קומען אהין ווידער. אונ בפרט נא־ דאס איין
הויז מענש פון דארט האט אונז פערטרויט. דאס אונזער לעצטער
בעזוך וואר זייא ווירקליך צום לאסט. דען זייא פירכטען דאס
דיא וועלט זאל ניט געוואר ווערין פון אונזער אבזיכט צו ווערבין
(שדכנען זיך) צוא דער רעבעקע. נון קען זייא עס שאדען
צוא אנדערע שידוכים. אלזוי וואר שוין ביא אונז מער
קיין גידאנקען פון צו גיין אהין נאך אמאל. אונ איך האב
עס גענאמען פאר אגליק פאר דעם בענעוועטען. דען וועט
ער איר ניט זעהען וועט זיך אבקילען זיינע ליבע צו איר
וויא אונזערע חכמים זאגען "אין אדם חוטא אלא במה שעיניו
רואות" דער מענש זינדיגט נור מיט יענע פרויא וואס ער האט
אימער פאר דיא אויגען. איך האב מיך אבער זייער געאירט
אין דיזער מיינונג מיינער. דען דאס איז גיזאגט נור פון איינער
איינפאכע (פראסטע) ליידענשאפט (תאוה) אבער ניט פון איינער
פלאטאנישע (גייסטיגע) ליבע. דער בענעוועטע איז גיבליבען
פון יענער צייט אן גאנץ פערשטימט (בעטריבט). אוים געמידען
אלע פרייליכע געזעלשאפט. אויסער (חוץ) מיך. דען מיר
פלעגען אונז זייער אפט בעזוכען מאכען אויספליכטע

(שפאצירונגען) אין שיינע אומגעגענד פון אונזער שטאדט. און דיא איבריגע לײדיגע צייטען פלעגט ער צו פערברײנגען אין לעזען. און אזוי וואר צוא געבראכט דער גאנצער זומער. און אם ענדע חשון אלס דיא ארבייט אויף דער ליניע האט זיך איינגעשטעלט (אויפגיהערט) איז ער מיט זיין פרינצעפאל אוועק צוריק קיין פוילען. און דאס גלייבען זיינען דיא ענגערטשע פאמיליע אויך פערדרייזט: נאך וואלינען קיין קאמענעץ פאדאלסק אן אשידוך. דער בענעוועטע פלעגט מיר אפ צוא שרייבען. וואו ער גיפינט זיך און דאס ער שטייגט פון צייט צו צייט. און פלעגט צו בעקומען פון מיר אנטוואָרט. אין אפאר יאר איז ער געוואָרען אין איינער פוילישען באהן סושעף מיט איינעם געהאלט פון צוויא טויזענד קערבלאך א יאר. און האט נאך געהאט גוטע אויסזיכטען אויף פיל גרעסערע שטעלען. און איז גיבליבען נאך אלץ פעסט בייא זיינעם ענטשלוס ניט צוא פערהייראטהען זיך. און האט אזוי פארלעבט (גאנצע צעהען יאר) זייענד שוין גענוג רייך. און פיהרענד שוין. איינעם גליקליכען גישעפט דארט אין פוילען ביי איינער אייזענבאהן מיט איינעם גרויסען אנטרעפאנער אונטערנעהמער (פאדראציק) און דיא ענגערטשע פאמיליע וואר שוין פאר מיך און פאר אים שוין וויא אויסגישטארבין דען מיר האבען פון זייא גאר ניט גיהערט און ניט איינע זילבע (סלאג) דער מאנט וועגען זייא אין אונזער בריף וועקסעל מיט איינאנדער:

7.

"צעהען יאר שפעטער"

אזוי זיינען זיך פערלאפען גאנצע צעהען יאר אין דעם הימעלישען פלאנעטען אור (מהלך השמש והכוכבים

בשמים



בשמים) וואס קיין מענשליכע פעדער איז ניט אים שטאנדע צו בעשרייבען דיא אונצייהליגע פערענדערונגען וואס עס איז אין זייא גישעהען ליידער פיל מעהר צום שלעכטען אלס צום גוטען. דיזע צעהען יארען האבען דורך געוואנדערט דורך אונזער גאנצען וועלט טייהל (אראפע) מיט שווערע און הארטע טריט וואס האבען געלאזען טיפע שפורען (סלאדען) הינטער זיך. עס וואר אין זייא קריג. הונגער. חאלערעם גרויסע. און אונטער אנדערען האבען זייא זייער שווער בעריהרט אויך דיא העלדין פון אונזער גישיכטע דיא רעבעקען וויא מיר וועלען דא באלד גאנץ אויספירליך דער ציילען:

אם ענדע דעם צעהענטען יאר פון אונזער שיידען אונז פון איינאנדער. וואר איך בעפאלען מיט איינעם רעמאטעם. און וואר אלזוי בעפוילען פון דיא ערצטע (דאקטורים) צוא בעזוכען אבאד. און האב עס געטאן מיט לוסט. דער באדע אנשטאלט (זאוועדענע) אויף וועלכע איך בין פון דיא ערצטע אויפגעוויזען געווארען געפינט זיך אין איינעם אבגעלעגענעם דארף (אניטיגען) צווישען געבירגע. אב גיט דא קיין טעאטער. קיינע רעסורסען. קיינע טראקטירען. ווערט זיא ווייניג בעזוכט פון דער גאלאנטע וועלט וואס ווערען ליידענד (קראנק) דורך זייער פעסט האלטען זיך אן דער מאדע. און וואס ווילען זיך ניט ענטזאגען פון איר זעלבסט אין זייער קוראציע. און וויל קיין אריסטאקראט קומט אהין (נור זעלטען) קומען שוין אהין געמיינע אויך גאנץ קנאפ. וויל עס פעלט זייא דארט אן שטיצע פון דען רייכען. דאהער קיין וואונדער דאס איך האב דארט דער ווייסט נור דרייסיג פאמיליען וואס זיינען געקומען זיך באדען דארט. פון פערשיידענע קלאסען. פון פערשיידענע געזינונגען וואס האבען זיך אנגעקוקט איינער דעם אנדערען געהאסיג

אונפריינדליך

(אונפריינדליך) אונ דאך רוהיג וויא דיא פערשידענע געשעפע
(ברואים) אין נח'ם תיבה. אונ האב אלזוי גימוזט דיא
ערסטע וואכע פערלעבען דארט גאנץ איזאלירט (אבגעזאנדערט).
איך האב דעם רייכען אויסגעמידען. אויס פורכט דאס איך
ווערדע צוריק געוויזען ווערען פון אים. דען וועלכער רייכער
איז עס ניט שטאלץ. אונ וועלכער שטאלצער איז ניט דום. אונ
מיטמאזוי איינעם איז קיין צייט פערטרייב. דיא איניגע גימיינע
וואס ווארען דארט ווארען אטייל פון זייא חסידים. אונ
אטייל וואס ווארען מתנגדים. האבען גלאט ארוין גיקוקט
ווילד אין גאטעס וועלט. דאס איך האב זייא ניט איין פונק
פערנונפט (פערשטאנד) צוא געטרויט. אלזוי וואר איך דיא
גאנצע ערסטע וואכע אויפגעוויזען נור אויף מיין פערזאן אליין
אונ אויף דיא שמערצען פון מיין רעמאטעס. אונ ביידע
ווארען מיר דאן העכסט פערהאסט. דיא ערסטע נאך מעהר
אלס דיא צווייטע. דען יענער האט מיר צוא געשארט דיזע.
אונ איך וואס איך בין פון נאטור העכסט געזעלשאפטליך
וואר איך דארט אין דיא ערסטע וואכע גאנץ פארצערט
פון לאנג וויילע אונ ערסט דאן האב איך מיר שוין געקענט
מאכען איינע פארשטעלונג וויא עס צו מוטה איינעם מענשין
וואס איז מיט געפיהלע אין זיינער פערבאהנונג (פערשיקונג)
אין דיא ווייטעסטע אין רויהעסטע געגענדען. וואס דיא
מענשען דארט זיינען ניט מינדער (וויינינגער) קאלט וויא
דאס דארטיגע קלימאט אונ זייערע הערצער זיינען שטאר
(אצעפענעני) וויא דער דארטיגער אייז.

דאך דער אויבערסטער וואס שיקט צו דעם טרינקער
זיין וויין. אונ דעם שפינער זיין פלאקס. האט מיר אויך צוא
געשיקט אין דער אנדערע וואכע איין געזעלענשאפטער
נאך מיינעם וואונש. איינען יונגען מענשען פון איאר דרייסיג
איין סאוורעמענער (צייט געמעסענער) מענש. דען ער וואר
זייער



זייער שיין גיבילדעט אונ וואר מיט אגיזונטען מענשין פערשטאנד
דער צו וואר ער זייער רייך. פון אגרויסע הויז. אונ האט
זיך דארט געבאדען מיט זיין פאמיליע. ער זיינע פרויא צווייא
מיידכען צעהען עלף יארינגע. אונ אזון פון איאר אכט.
אונ דער צוא איינע גובערנאנטין אונ אדינסט מיידכען.
ער האט געליטען אויף אפוס. דיא מיידכען ביידע האבען
געליטען אויף שקראפעל. דיא פרויא אויף ווייבערשע זאבען.
זייא ווארען דארט דאן שוין דעם צווייטען זומער. אונ
האט מיר פערלויבט דיזען באדע אנשטאלט. דאס ער איז
פון גוטער ווירקונג. זייא זיינען וואוינהאפט אין זאמעט אמייל
פופצעהען פון דארט. מיר האבען אונז דאס ערסטע מאל
בעגעגענט אויף איינעם שפאציר גאנגע. ער האט דאן
פעררייכערט זיינע אציגארע אן מיינע. אונ האבען אונז
אלזוי ארויין גילאזען אין אגישפרעך מיט איינאנדער אונ האבין
אונז נאכהער געשיידעט מיט דעם פערשפרעכען צו זיין צו
קומען מארגען ווידער אין דער זעקסטע שטונדע אום צו מאכין
אקליינע פוס רייזע. קורץ געזאגט מיר זיינען אונז געווארען
גאנץ : אונענטבעהרליך (נעאבחאדימא) איינער פאר דעם
אנדערען. דען יעדער פון אונז האט ביי דעם צווייטען דערוויסט
מעהר אלס ער האט געוואונצען אונ אויף דעם דריטען טאג וואר
איך שוין איינגעלאדען צו אים אויף טייא. דיזער מאן האט
גיהייסין הושיע אקערמאן. ער וואר קיין גישעפטס מאן. נור
איין גוטבעזיצער. אונ האט גיפיהרט איין רוהיגעס גליקליכעס
לעבען (ער האט עס געהאט בירושה פון זיינע עלטערין) :
ער האט מיר פארגישטעלט זיינע פרויא איינע עכטע
אריסטאקראטישע דאמע. שיין אונ גיבילדעט. אונ דאס גלייכין
זיינע קינדער וואהלע פאפקעס. איך בין אויפגינומען גיווארין
פון איר זייער פריינדליך. אונ האט גינומען אנטייל אין אונזער
גישפרעך ביי דעם טייא טיש. קוים האב איך אויסגילערט
אויסגיטרונקען

(אויסגיטרונקען) די ערשטע גלאז. האב איך דער הערט איינעם גילייפיגען רוישען פון איינעם פארטעפיאן וואס האט זיך גילאזט הערען פון איינעם זייטען צימער. אונ באלד דארויף איינע זייער שיינע מעלאדיע (אזאך אדער נגון) וואס וואר מיר עפעס בעקאנט וויא אמאל עס געהערט צוא האבען זייער גישיקט אונ אנגענעהם (גישמאק) האב מיך אבער ניט גיקענט ערינערען וואו אונ ווען. איך האב מיך נאך גיפרעגט אויף די שפילערין. אונ די אנטווארט וואר קורץ "אונזערע אגובערנאנטין". דיזע קורצע אנטווארט וואר מיר צוואר ניט גענוגענדע. דען אויס דעם זעלבען גרונד וואס די מעלאדי איז מיר העכסט בעקאנט האב איך געוואלט שוין וואס דייטליכערעס אונ מעהרערעס פון איר וויסען. אונ ביי אלעם דעם אויס אנשטענדיגקייט האב איך איינגעשטעלט (אב געהאלטען) די ווייטערע פראגען וועגען איר. אונ האב ערווארטעט מיט דער גרעסטע אונגידולד אויף דער געלעגענהייט צו זעהען איר זעלבסט. אונ דיזע גילעגענהייט האט זיך מיר באלד פון זעלבסט דארגעבאטען (פארגעקומען). דען אין אפערלויף פון איינער האלבע שטונדע איז די שפילערין אריין אין שטוב וואו מיר זיינען גיזעסען ביי דעם טייא טיש אונ האט זיך פאר אונז פערנייגט. די ווירטין האט איר אנגעהאלטען (אנגעבאטען) אגלאז טייא. זיא אבער וואס זיא האט צייט גיהאט אין דיזעם נוא (רגע) איינען פליכטיגען בליק צו טאן אויף מיך האט זיא עס אויסגעשלאגען (ניט אנגענומען). עס האבין זיך אין איר גיזיכט גיביטין אין דיזער זעקונדע טויזענד קאלארען. "איך וועל טרינקען וויא גיוואינליך אין קינדער צימער" האט זיא גיענטפערט אונ איז ארויס פון שטוב וואס צום גיכסטען. דאס קלוגע אויג פון דער ווירטין האט דעם שפיל פון אירע מינען אין איהר גיזיכט זייער גוט בעמערקט אונ האט גיטאן אשטומען בליק צו איהרעם מאן

וואס

RECOGNITION SCENE



וואס האט איר בעאנטווארטעט מיט איינעם שטומען שמייכעל. אלזוי וואר אין דיזער קורצע צייט דארט אפ געשפילט איינע גאנצע פאנטאמינע וואס יעדער פון אונז דרייען האט נור איינען בעזונדערין טייהל דער פון פערשטאנען. נון מיינע טייערע לעזערין וועל איך דיר מיט טיילען וואס איך האב דאן פערשטאנען.

איך האב אין דיזער גובערנאנטין דער קענט די רעבעקין די אמאליגע שטאלצע שיינהייט די איינציגע טאכטער פון דער פאמיליע ענגערט. וואס אירע עלטערען וויא צוא זאגען האבען גימיינט אויף איינעם טראן ארויף צוא זעצען איהר. זיא האט זיך דאן שוין גאנץ אומגיענדערט. דאס איך וואלט איר ניט דער קענען ווען איך וואלט מיך ניט גישטויסען פון דער מעלאדי וואס איך האב איר גיהערט שפילענדיג אים הויזע פון אירע עלטערין דאס זיא איז עס, דאס גיזיכט איינגעפאלען אונ גיבלייכט. די אויגין מאט. דער קין (מארדע) אויסגיקריטט ארויף. די שיין גיפארמטע נאזע וואר פיל: מעהר אין די ליינגע גיצויגען אלס פארהער. אירע שטעלונג (פאסטאציע) וואר שוין אויך ניט מעהר וויא אמאל. זיא וואר שוין גיבייגט וויא די שטעלונג איינעם לעהרערס אדער מלמדס. אין קורצען גיזאגט זיא וואר דאן נור איין בלויזער שאטען פון איר פאריגער גישטאלט אונ וויא אויך איך וואר דאן העכסט אויפגעבראכט אויף איר. האט איצונד מיין הערץ אין מיר גיבלוטעט. מיין צייגע איז אין הימעל דאס אזוי ווייט האב איך איר דאן ניט גיוואונצען. אונ האב דאן ביי מיר גיטראכט "שטריינג איז גאט אין זיין גירכט איבער די שטאלצען" וויא דער פסוק זאגט "די מהלכין בגוה יכיל להשפלה". נור וויא אזוי זיא איז צו אזוי איינעם נידעריגען גראד גיקומען. דיזעם וואר מיר דאן גאך איין רעטזעל (חידה) אונ וואלט עס אויך

ניט

ניט נאך גיפרעגט ביי איהרע ווירטשאפט ווען זיא אונ ער וואלטן ניט אנהייבען צוא שפרעכען מיט מיר דאריבער. איך וואלט עס גילאזען גאנץ אונבעריהרט. אויס בעזארגניס דאס עס זאל פיליייכט ניט שאדען צו איהרע שטעלונג. אונ דאס גלייכען האט דיא רעבעקע דערקאנט אין מיך דעם פריינד פון דעם בענעוועטען. אונ האט זיך דאן פערגעוויס גיוואונצען איין געזונקען צו ווערען אויף דער שטעלע צעהען קלאפטער טיף אין דער ערד. זיא האט ניט געקענט איינע האלבע סעקונדע אויס האלטען מיין בליקען אויף איר אויס שמאך (שאנדע אונ פערדרוס. אונ האט זיך וואס צום גיכסטען אריין געהאפט אין קינדער שטוב וויא זיא וואלט אנטלייפען פון פייער:

אונ וויא אויך דיזע שצענע וואר פאר אונז דרייען העכסט אויפפאלענד (וואונדערליך) דאס זיא וואלט געווען פאר אונז שטאף (מאטעריע) צוא בעשפרעכען זיך דאריבער שטונדען לאנג אונ וויא אויך אונזער נייגירדע וואר ביי אונז דרייען זייער גרויס. דען מיר האט זיך געוואלט וויסען וויא אזויא איז זיא געקומען צוא אזויא אנידעריגען גראד צוא דינען דא אלס גובערנאנטין. אונ זייא ווידער האט זיך געוואלט וויסען אין וואס פאר אבעציהונג (אטנאסענע) שטייט זיא מיט מיר; דאס אלס זיא האט, מיך דער זעהען איז זיא געווארען גאנץ פערניכטעט. ביי אלעם דעם האבען מיר דאריבער קיין ווארט געשפראכען. דען אזוי איינע פערהאנדלונג (געשפרעך) פאסט פערהאנדעלט צוא ווערען נור אין איינעם שוין פון לאנג אן פערטרויטען קרייז (קרוזאק אדער געזעלענשאפט) אבער ניט ביי דעם ערסטען בעזוך פון איינעם נייעם גאסט וואס איז נאך ניט איינגעוויהעט (איין פערטרויט) אין דיא הייזליכע אומשטענדע אונ געהיימניס. אונ וואלטען עס שוין פילייכט גאנץ אויסער אכט לאזען

גאר



נאר ניט געדיינקט דאריבער. ווען דיזע בעגעגענעם אונזערע וואלט אפגעקלאפען אן שלעכטע פאלגען (פאסלעצטוויא).

## 8.

### „דיא צעהען יאריגע לעבענס געשיכטע פון דער רעבעקא"

מיר האבען זיך פערזאמט דארט ביי דעם טייא טישע בענאהע נאך איינע האלבע שטונדע אונ ביי מיינעם אבשייד גענומען פון זייא האב איך זייא געמוזט פערשפרעכען צוא זיין זייער גאסט צוא טייא אלע טאג. אונ האב מיין פערשפרעכען טרייא געהאלטען. איך בין אויף מארגען געקומען צוא דער בעשטימטע שטונדע. אונ האב דער וויסט צוא מיינעם ליידוועזען (קימערניס) דיא גאנצע פאמיליע אין איינער גרויסע פערלעגענהייט (בעזארגעניס) אונ דער צוא נאך אויך דעם דארטיגען פעלשער וואס בעשעפטיגט זיך דארט מיט זענעפט שמירען אונ דאס גלייכען. „ווער איז עס עפעס ניט געזונט ביי אייך?" וואר דיא ערסטע פראגע מיינע דער ווירטין. „אונזערע גובערנאנטין" וואר איר טרויעריגע אנטווארט. זיא איז פון דער זעלבינע מינוט וואס זיא איז אוועק געסטערען פון אונז אין קינדער שטוב געווארען קראנק. אונ דער צוא נאך גאנץ געפעהרליך. מיר האבען באלד גערופען דעם דאקטאר. האט ער עס אנגענומען פאר איינע בלוט אויפוואלונג. אונ האט געהייסען לאזען איהר אין אדער עפענען זאנסט בעקומט זיא פאפלעקצע. זיא איז שוין צוואר בעסער האט נאך אבער גענוג היין. אונ מיר זייען וועגען איהר העכסט בעזארגט. דען מיר זייען איהר זייער גוט אונ זיא פערדינט עס איבר די מאסען (איבערען קאם). ערסטענס איז זיא אגרויסע קענערין. פערשטייט זייער גוט מוזיק אונ איינגע שפראכען. האנד ארבייט. אונ פערשטייט עס צוא לערנען דעם צווייטען. פערשטייט זיך זייער גוט

אויף

אויף דיא פעדאגאגי (קינדער ערציהונג) , אונ איז דער צוא
איין העכסט פיין מענטש . העכסט זיטליך אונ העכסט קלוג .
פערשטייט זיך וויא צוא פערהאלטען מיט יעדערען
בעזונדער . אונ מאכט גרויסע פארשריטע מיט מיינע קינדער .
אונ דאך ביא אלעם דעם וויא עס איז שוין איין מאל אין
דער וועלט בעקאנט . ״דאס יעדע זאך אונ יעדער מענטש
מוז האבען זיין חסרון . מאכט זיא אין דעם אויך קיין
אויסנאהמע . דען זיא האט אויך איהרע מענגעל (פעהלער)
צוואר ניט גרויסע אבער דאך ליידען מיר צייטענווייז גענוג
דער פון . ערסטענס רעט זיא גאנץ ווייניג . צווייטענס איז
זיא גענוג שטאלץ ביא זיך . דריטענס איז זיא אלץ מעלאנכאליש
(טרויעריגלעך) . נאך האבען מיר אין דעם גאנצען משך פון
איהר זיין ביא׳ אונז (זיא איז שוין ביא אונז דריטעס יאר)
געזעהען איהר לאכען . איין עטוואס שערצען . זעלבסט
איהרע מעלאדיען (זאכען אדער נגונים) וואס זיא שפילט אויף
דעם פארטעפיאן אונ בעגלייטעט (אונ האלט זיך צוא) מיט
איהרע צויבערענדע שטימע איז אלץ מוראלעם . עלעזיען
ארטיג (קלאגענד) . הערץ רייסענד . ניט אנדערש אלזוי דאס
זיא האט געמוזט פיל געליטען אדער וואס וויכטיגעס פערלארען
אין איהר לעבען . אונ דאס גלייכען שטאמען פון א גרויסע
הויז וואס איז איצונד טיף געזונקען . דען עס איז איהר עס אן
צוא זעהען דאס זיא איז פון איינעם אריסטאקראטישען הויז .
אונ דאס זיא האט גענאסען איינע אויסגעצייכענטע ערציהונג .
אלזוי מוז דא צום גרונדע ליגען עפעס איינע העכסט
געקריינקטע עהרע :

אונ אלס איך האב איהר געפרעגט וויא הייסט זיא .
פון וואנען שטאמט זיא . אונ פון וועלכע שטאדט איז זיא
געבירטיג . ״מיר ווייסען מער ניט״ האט זיא מיר געענטפערט
האלב לעבענד , נור איהר נאמען רעבעקא ענגערט אוים

קאמענעץ



קאמענעץ פאדאלסק! דאס איבעריגע מוזט איהר בעסער וויסען
אלס מיר ווייסען . דען מיר האבען אן געמערקט געסטערען
פון אייערע שטומע בליקע אויף איין אנדער . אונ פון דיא
גרויסע ווירקונג וואס דיזע האבען געמאכט פריהער אויף
איהר געזיכט אונ נאכהער אויף איהר געזונד . דאס איהר
קענט אייך שוין פון לאנג אן . דען וויא דיא ווארהייט צוא
זאגען (פערצייהייט) האט איהר נור אייער בליק טאן אויף
איהר צוא געצויגען איהר דיזע געפעהרליכע קראנקהייט .
אלזוי מוז מיט איהר וואס מעהר זיין אלס מיר ווייסען . דען
זיא איז אן געקומען צוא אונז נור דורך איינע גוטע אונד
פריינדליבע רעקאמענדאציא מיט איהר פאס אונ ווייטער
ווייסען מיר פון איהר גאר ניסט . אלזוי ווען מיר שוין דיא
עהרע אונ דאס גליק האבען צוא מאכען אייך פאר אונזערען
פערטרויטען . צוואר זייא זייען עס אויך ווערט . ביטע איך
אייך אום דיא געפעליגקייט אום מיט צו טהיילען מיר אלס וואס
זייא ווייסען מעהרערעס פון איר אלין מיר ווייסען .

״אונ איך וועל אייך״ האב איך איר געענטפערט אונ
איהרעם מאן וואס איזט דאן גראדע אונטער געקומען קיין
געהיימניס מאכען דער פון״ אונ איך העטע עס פון זעלבסט ניט
געטאן העטע איך ניט אויפגעפאדערט געווארען פון אייך דארום ,
אונ וויא איך ווייס שוין ווער זיא זינד מאדאמע . אונ ווער
אייער הער דער מאן איז , ביידע קענטשען פון גוטען כאראקטער ,
גלויבע איך דאס איך וועל דיזע רעבעקען ענגערט גאר ניט אם
מינדעסטען ניט ארונטער רייסען דער מיט ביא אייך . אונ
גראדע אומגעקערט . איר נאך מאכען אין מאנכען הינזיכט
געהייבען״ .

באלד דארויף האבען מיר אונז געזעצט ביא דעם טייא
טיש . אונ האב זייא דער ציילט פון א ביז צ״ט וואס איז געשעהן
מיט איהר אונ מיר אונ מיט איהר געליבטען מיט איאר צעהען

צוריק

צוריק אין ווילנא. און ווער איהרע עלטערען זייען. און דאס דאן וואָרען זייא גאַנץ רייכע לייט. דאס זייא וואָרען אין בעגריף (בדעה) צו געבען איר איינינע טויזענד רובל נדן. און האַלטען איר ביי זיך כל זמן זייא וועלען לעבען. וואס עס טוט זיך מיט זייא איצונד צו זייא זייען נאָך אם לעבען צו זיין דאס ווייס איך ניט. דען איך האָב פון זייא ניט געהערט ביז אַהער. נור דאס זייא זייען אָרעם איז מעהר אַלס געוויס. זאָנסט וואָלט זייא קיינע גובערנאַנטין געוואָרען. און וואָלט ניט געבליבען זיצען אַמיידכען ביז אַהער".

„וויא ווייט מיר ווייסען" האָט זיך אָפּ גערופען דער ווירט (הושיע אַקערמאַן) איז דער פאָטער איהרער שוין טויט. און דיא מוטער לעבט נאָך. איז אָבער גאַנץ אָרעם. אַזוי שטויסע איך מיר פון דיא אַדרעסע איהרע צו איר מוטער ביי דיא פּאַסילקעס פון געלט וואס זיא שיקט איר אונטער אַלע האַלבעס יאָר הונדערט רובל פון איר געהאַלט. „אַלזוי ברייטעט עס מיר אוים איינע גרויסע העליקייט (ליכטיקייט) איבער איר גאַנצעם בענעמען זיך ביי אונז אין שטוב" האָט זיך אָפּ גערופען דיא ווירטין. אַלזוי האָט זיא שוין גענוג אורזאַך צו זיין אימער פערשטימט (פערקימערט) דען ווער נאָך האָט אַזוי פיל אורזאַך זיך זעלבסט אָן צו קלאָגען פאַר זיך אַליין וויא אַזויא איינע וואס פערוואַרפט איינע גוטע פּאַרטיי אוים בלויזעם שטאָלץ. און האָפאַרט (האָפערטקייט). איינע שיינע לעהרע (לערנונג) פיר יעדע נאַזעווייַנע (שלעכט בערעבענדעם) מיידכען וואס וויל נור גלענצען אין נאָמעם וועלט און ניט לעבען איין רוהיגעם און געזיכערטעם לעבען. נון וואָלט איך וועלען וויסען און וואס איז דאס מער איצונד מיט דעם בענעוועטע. וויא גייט עס אים אין זיינע געשעפטען. אין זיינער עהרע (היימליכעם לעבען מיט זיינער פרויא). איז יענע גליקליך מיט אים. און ער מיט איר? „רייך". איז ער גענוג האָב איך איר געענטפערט. בעזיצט

איין



איין פערמעגען פון דרייסיג פערציג טויזענד רובל. און וואס אָן בעטרעפט (איז נוגע) צו זיינער עהע (היימליכען לעבען) איז וויא ווייט איך ווייס; ביז איינע וואָכע צוריק וואַר ער נאָך אין בחור. דען ער האָט זיך פעסט בעשלאָסען דאס ווען ער וועט ניט נעמען דיא רעבעקען וועט ער קיינע אַנדערע געהמען. ניט מיט מיליאָנען. און דיינקט אַזויא צו פערלעבען גאָר זיינע יאָרען. און וועט האַלטען וואָרט!! דען ער וואַר פערליבט אין איר איבער דיא אויערען".

„און ווען אַזויא" האָט זיך דיא מאַדאַם אָפּ גערופען צו מיר. איז ער נאָך עס פילייכט אַזויא איצונד אויך. דער שפּריכוואָרט זאָגט דאָך" אַלטע ליבע ראָסטעט ניכט" פּרובירט אייך. שרייבט אים פון איר. דער ציילט אים אין אייער שרייבען צו וואס פאַר אַשטאָפּנע זיא איז געקומען. און דאס זיא איז נאָך אַמיידכען „איך וועל אים שרייבען פון איר איצטיגע לאַגע נור" האָב איך געענטפערט. „אָבער ניט פון נעמען איר. ערסטענס וואַר ער דאַן העכסט געקריינקט און פעראַכטעט פון איר און פון איהרע עלטערין. און וואס נאָך אין דער וועלט קען אומוואַנדלען דעם בעסטען פריינד פאַר אַפיינד אַלס געקריינקטע ליבע און געקריינקטע עהרע. מען פאַרגעסט עס נימאַלס, וויא דער פּסוק זאָגט" קשה כשאול קנאה" דיא אויפערזיכט איזט פעסט אונד דויערענד וויא דיא העלע. און צווייטענס איז זיא שוין ניט דיא זעלבע רעבעקא וואס וואַר פאַר צעהען יאָרען. זיא וואַר דאַן איינע בליהענדע פאָל בלעטעריגע ראָזע נעזעטיגט פון דעם מאָרגען טויא. דאס עס וואַר איינע אויגען לוסט איר אָן צו זעהען: איצונד אָבער איז זיא שוין וויא גאַנץ ענטבלעטערט (דיא בלעטער אָפּ געפאַלען) און גאַנץ פערוועלקט (פערוויאַנעט) וויא אין דעם שפּעטען הערבסט. און דער צו גאַנץ אָרעם. גאַנץ געזונקען. איינע גובערנאַנטין. איין מיטעלדינג (אַמרעדנע וועסן) צווישען איינע

געזעלענשאַפטערין

געוועלגשאפטערין און דינערין . אונ ער גראדע איז איבער
דיזע צייט גאנץ הויך געשטיגען . גאנץ רייך אונ איז הויך געשטעלט
איין אנטערפאניור (פאדראציג) . אונ דריטענס ווייס איך נאך
גיט צו וועט זיא וועלען אים נעמען . דען איר ווייסט ניט דעם
שטארזין (עקשנות) פון איינער שטאלצע מיידכען . עס איז דאס
הערץ פון אזויא איינע ניט צוא ערגרינדען . אונ פערטענס מוז
איך פאראהער וויסען דעם הערנאנג (פריקלוצענע) פון איר שטורץ
(געפאלען זיין) דאס זיא איז געקומען צוא אזויא אנידעריגע
לאגע ווייס דער ליבער גאט פיללייכט איז עס דיא פאלגע
(פאסלעדסטווא) אדער סקוטעק פון איינער זינד האפטיגע
פערפיהרונג . דען וואס נאך איז אזויא אין געפאהר צוא ווערין
פארפירט וויא דיא יוגענדליכע שיינהייט . עס ווערט געאכטעט
אויף איר פון אונטער יעדען שטרויך (קוסט) אונ אויף געלויערט
פון אונטער יעדע טיר . דאס אם ווייניגסטענס האט דאך
דער בענעוועט פערדינט . דאס ער זאל בעקומען אביידכען פון
איינעם אונבעשאלטענע (ערליכען) רוף (נאמען) פאר איינע
פרויא . אונ פון וואו הער קען איך עס וויסען ?״

„פון אלעם דיזען״ האט זיך אפ גערופען דיא מאדאם
„ווייסען מיר דער ווילע ניט . ווייל עס וואר אונז ניט נייטיג
צו וויסען . אונ ביי אלעם דעם ווען מיר וועלען עס וועלען וויסען
וועלען מיר עס באלד ריכטיג וויסען . ערסטענס וועל איך אין
עטליכע טעג ארום אלס דיא רעבעקע וועט הער געשטעלט ווערין
(געזונט ווערין) וועל איך וויסען דיא זאכע אזויא טט איין צוא
לייטען (פאראנדזען) דאס זיא זאל זיך מיט אייך זעלבסט
בעשפרעכען (ווען נור האפנונג נאך דא איז דאס ער זאל זיא
הייראטהען) . איך קאויר (בין ערב) דאס זיא וועט אייך דיא
ווארהייט דער ציילען . אונ צווייטענס וועל איך מאכען איינע
שטרייגע אנפראגע איבער דעם שטורץ (דאס פאלען) פון איר
פאמיליע . אונ איבער איהר זעלבסט ; אונ ווייטער וואס איר

זאנט



זאגט זיא וועט גאך ניט וועלען . ווייס איך פאר געוויס דאס
זיא וועט עס מיט פריידען טאן . דען מעהר אלס איין מאל דאס
איך האב פון איר געהערט דאס זיא בערייעט (האט חרטה) אויף
איר צוא פיהל ווייהלען (קלייבען) שידוכים אלס איהרע עלטערין
טארען נאך אין שטאנד . אונ ווייטער וואס איר זאגט . זיא
איז שוין מער ניט שיין . קאווירע איך אייך (בין אייך ערב)
דאס אין בעסערע אומשטענדע וועט זיא ווידער אויף בליהען
וויא געוועזן . דען דיא ליבע הויכט איין נייעם לעבען אין איין
פערוועלקטעם מיידכען . בפרט אין איר וואס דיא יוגענדליכע
שיינהייט איז אין איר פערזאן נור ערשטארט (אומלאוועט) אבער
ניט אפ געשטארבען שוין . אלזויא האט מיטליידען מיט דיזע
עלענדע אונ שרייבט . ערוועקט דיא אלטע ליבע זייגע צוא
איר . וועט עס אן האקען . האט נאך קיינער אזויא פיל נוטעם
געטאן וויא איר וועט געטאן האבען״ .

„געהמען זייא מאדאמע עס ניט פאר אומנוס״ האב איך
מיך אפ גערופען צוא איר „דאס איז צוא פיל פערלאנגט פון
מיר . דאס איך זאל אים אזויא ווייט אן מוטהען . דאס ער זאל
געהמען איינע אלטע ארעמע מאד וואס האט אים דער צוא
נאך אמאל אזויא העכסט בעליידיגט אונ פעראכטעט . איך
וועל אים נור שרייבען וויא אונגליקליך זיא איז צוא וואס פאר
איין גראד זיא איז געקומען . אונ וועל עס ווייטער איבער
לאזען צוא זיינעם איינענעם איידעלען הערצען . איך האפע וויא
דינער נאכריכט זיין פיל מעהר געקריינקט אלס ערפרייט . ער
וועט איר געוויס בעמיטליידיגען . אונ וועט ניט בלייבען שטיין
גאנץ גלייך גילטיג פון ווייטען . ער וועט געוויס וואס טאן צוא
איהרעם בעסטען (לטובתה) . צוואר ניט געהמען . דאך אבער
וועט זיא פערגעווים גרויסע שטיצע פון אים בעקומען . אונ
ביי אלעם דעם פערדריסט מיך זייער דאס איך בין דיא אורזאך
הא (א״ל)

פון

פון איהר איצטיגע קראנקהייט. אונ ווייס ניט דאהער צוא דארף איך מיך שוין דעם צווייטען מאל אריין ווייזען אין אייער שטוב. דען איך פירכטע דאס איין צווייטער בעזוך מיינער קען איר צום באדען שטרעקען (אויף דער ערד אויסציהען).

„אם בעסטען" האט זיך אפ געריפען איר מאן (דער הושע אקערמאן) „דאס איר זאלט זין אייניגע טעג ארום אלס זיא וועט רעכט געזונט ווערען. אריין שרייבען איר איינע ביטע אום ערלויבניס צו בעזוכען איר. אין איינעם העכסט פריינדליכען שטיל (נוסח). דיזעם וועט איר שוין איר געמיטה פיל קילען אונ בערוהיגען. אונ וועט עס אייך געוען ערלויבען. אונ איר וועט נאך האבען דיא בעסטע אויף נאהמע פון איר. דען זיא וועט זיך ביי דעם קאלטען בלוט בעזינען דאס איר האט קיין שלימעס פון איר צוא ריידען. פערקערט נאך. דאס איר האט פילעס צוא דער צייהלען פון איהר פאריגען גלאנץ. פון איהרעם גוטען שטאנד, איך האב אים געפאלגט אונ האב עס געטאן. אונ עס איז מיר געלונגען (געגליקט) אוים צוא זעהנען זיך מיט איר (גוט פריינד ווערען).

„מיינע טייערע אונ הויכגעשעצטע רעבעקא" האב איך געשריבען צוא איר „איינמאל (אמאל) דיא פערגעטערטע אונד הייס געליבטע פון מיינעם פריינד בעגנעוועטע. עס טוט מיר לייד דאס איך האב זייא דער וויסט אין אזוי אונגליקליכע לאגע. אונ דאפעלט לייד דאס איך וואר דיא אורזאך פון איר איצטיגע קראנקהייט. א טייערע רעבעקע. בלייבען זייא גאנץ רוהיג. איך געהערע ניט צוא יענע געמיינע זיילען וואס זייען זיך משמח מיט דעם שמורץ (אומגליק) איינעם צווייטען וואס האט אמאל אויסגעשלאגען (ניט געוואלט אן נעמען) זייער פארשלאג ווענען איינער פארטי (שידוך). אונ וויא איך אזויא איז אייער פארמאליגע ליב האבער אונ פערעהרער דער בעגנעוועטע. אלזוי ווען איר מיינט נור צוא פערבעסערען אייערע שלעכטע לאגע.

זאלט



זאלט איר ניט פאר ווארפען צום צווייטען מאל אונזערע געוואגענהייט (פריינדשאפט) צוא אייך. דען מיר וועלען שטיין צוא דינען אייך מיט וואס נור מעגליך איזט. דער אמאליגער ליב האבער אייערער איז העכסט רייך אונ אייך גוט. אונ אלזוי אין שטאנדע אונ צוא גלייך אויך ווילליג זיין אייך צוא העלפען מיט וואס נור מעגליך איזט. נון ערלויבט מיר צוא בעזוכען אייך" אויף מארגען האב איך בעקומען פון איר איינע קורצע שריפטליכע אנטווארט" איך ערווארטע אייך מארגען אום פינף" אונ האב איר בעזוכט צוא דער בעשטימטע שטונדע.

## 9

### „דער בעזוך"

איך האב איר דער וויסט אין קינדער שטוב זייער שיין אן געצויגען. זיא איז מיר געקומען אנטקעגען האט מיר געדייכט דיא האנד. האט מיך פריינדליך געגריסט. אונ האט דער ביי מיט איר ווייסען שנופטוך געווישט דיא אויגען. „דאס איך האב אייך ערקענט" האט זיא זיך אפגערופען דער נאך צוא מיר. איזט עס קיין וואונדער. דען איר זייט דער זעלבע וויא פאר צעהען יאר. דאס אבער דאס איר האט מיך דער קענט איז מעהר אלס איין וואונדער. דען איך האב מיך אין דיזער צייט גאנץ אונ גאר שוין געענדערט. נאטעם האנד האט מיך זייער הארט בעריהרט. אונ ליידער ווייס איך נאך צוא מיינעם הערצענס לייד דאס איך האב עס גאנץ כשר פערדינט. דען איך האב אין מיינעם אונגליק נימאנדען צוא בעקלאגען וויא זיך אליין. אונ איין עטוואס מיינע עלטערין. מיר האבען פערלאנגט פון דער וועלט פיל מעהר אלס זיא האט אונז געקענט געבען. דען מיר האבען פון איר געפאדערט וואס זיא האט עס ניט געהאט. מיר האבען געוואלט בעקומען אזוי איינעם וואס עס זאל זיך אין אים פעראייניגען אלע מעלות צוא

זאגען

זאמען . בילדונג רייכטום יחוס ערליכקייט געזונדהייט שוינהייט
יוגענד, וועלט קענטניסע געשיקליכקייט ערפארענהייט פעהיגקייטען
(ספאסאבנאסט) צום געשעפט . דיא נאטור אבער איז ניט
פערשווענדעריש אין איהרע נאבען (געשיינקען) צוא פאר
איינינגען זייא אלע אין איינער פערזאן . אלזוי זאל איך שוין
קיין וואונדער זיין וואס איך בין אזויא (וויא צוא זאגען)
געווארען גאנץ פערניכטעט ביי מיינעם דער זעהען איך .
ביי מיינעם וויסען וויא ווייט איך האב מיך פערשולדעט געגען
אייך עס האבען זיך דאן אלע טיף געשלאגענע וואונדען אין
מיינעם הערצען וואס האבען זיך קוים פערנארבט (פערשטרופעט)
ווידער געעפענט . אונ מיין פערברעכען נעגען מיינע איינענע
פערזאן האט זיך מיר דאן געצייגט אין זיינער גרעסע . אונ
דער צוא נאך מיינענד דאס מיין שטורץ וועט אייך פריידע
מאכען . אונ דיזעס איזט ניט צום אויס האלטען» : «בעהיטע
מיך גאט דער פון» האב איך איר געענטפערט . איך בין ווייט
פון אזוי אנידערטרעכטיגקייט . אלזוי מיינע טייערע רעבעקא .
אוועק מיט דיזער זעלבסט פערקלאגונג (זיך זעלבסט אן צוא
קלאגען אדער שולדיג מאכען) . דען ניט איר זייט דיא ערסטע
אונ וועט אויך ניט זיין דיא לעצטע וואס טוט זיך זעלבסט
וויהע . מיר זייען עס אלע . אונ איך זעלבסט מאך אויך
קיין אויס נאחמע דער פון . דען איך קען אייך זאגען בעשטימט
דאס אלע איבעל אונ אונגליק וואס האט מיך בעגעגענט אין
מיינעם לעבען וואר איך זעלבסט דער פעראורזאכער דער פון .
עס זייען ניט ריין דער פון דיא גרעסטע חכמים . דיא גרעסטע
פילאזאפען . זעלבסט מלכים . גענוג וואויל איז צוא אייך דאס
איר געהערט צוא דעם קליינעם צאהל מענשען וואס ווייסען
עס דען דיזעס וויסען פיהרט צוא איינער בעסערונג . איך
שווערע אייך ביי מיינעם לעבען דאס איך בין אייך גוט
אונ העכסט גוט . נון וויל איך וויסען וואס וואר דיא אורזאך

פון



פון אייער שטורץ (זינקען אין מצב) . אייערע עלטערן ווארען
דאך רייכע לייט . גרויסע געשעפטס פיהרער . איך וויל עס
וויסען . ערסטענס ווייל איך בין אייך אונ אייערע עלטערין
זייער גוט . אונ צווייטענס אום צוא מאן נאך פיליכט וואס
פאר זייא אונ פאר אייך . וואו זייען זייא איצונד ? אונ וואס
טוען זייא ? אונ וויא קומט איר אז אהער . אונ ווארום האבין
זייא זיך ניט פערהייראטהעט ביז אהער ? ניט שוין ווארען
אייערע עלטערן אונ איר אזויא ווייט וועלעריש (איזבארציווע)
דאס מען האט זיך קיין שידוך געקענט צוא קלייבען . עס
מוזען דאך געוויסע אורזאכען דער ביי געוועזען ?» .
«אונ איך» האט זיא זיך אפ גערופען «וועל איך קיין
געהיימניס דער פון מאכען . דיזע אלע פראגען אייערע וועלין
זיך לאזען בעאנטווארטען מיט איינער קורצע אונ בינדיגע
ערציילונג . עס וואר דר ביי צוואר איינע געטליכע שטראפע .
דיא הויפט שולדיגע דער ביי אבער ווארען מיר זעלבסט .
אונזער הויפט פערברעכען איז בעשטאנען ווירקליך נור אין
אונזער צוא פיל בראקירען שידוכים . אונ וואס דער מינדעסטער
פון זייא וואר אויך איין גליק פאר מיר . דען דיזעס וואר דיא
ערסטע אורזאך פון אונזער אלעמענס אונגליק . גאנצע פיר יאר
נאך אונזער אפ פארען פון ווילנא . וואר אונזער שטוב איין
זאמעל פלאץ פון ברויט ווערבער (שדכנים) אונ פון פרייער
(יונגע לייט וואס זייען הייראטס לוסטיג) . אונ איך וואר
זייא אלעסען וויא צוא זאגען איין הארטער נוס צום קנאקען
דען איך האב געהאט אין יעדען בעזונדער וואס אויס צו זעצען .
דעם האט נגפעלט דיזעס . אונ דיזעם האט געפעלט יענעס ,
דיזער לאנגער וואהל (ראסבאר) אדער בעססער צוא זאגען
וויבאר . האט דער ווייל געשטערט מיינעם פאטער אין זיינע
געשעפטען . דען ער האט דאריבער ניט געקענט אפ פארין פון
דער היים . דען עס האט זיך געדוכט אט אט ווער איך אכלה .

צווייטענס

צווייטענס וואר עס פערבונדין מיט גרויסע קאסטען . דען יעדער פרייער (חתן) מיט זיינע פריינדע אונ מיט זיינע שדכנים פלעגין אויף גענומען צוא ווערען ביי אונז זייער העפליך . אונ נאך הער אם ענדע אלס מיר האבין שוין געהאלטין ביי איינער פערלאבונג (תנאים) . אונ צוואר מעהר אוים אונפאסליכקייט ווייטער צוא וועהלין (קלייבען) אלס אוים געפעלין אונז . דען מיר האבין נאך אויף דעם שידוך אויך געהאט גענוג אוים צוא זעצען . איזט עס באלד פון איינאנדער געגאנגען נור אוים יענעמס מניעה . דען יענער האט ווינט בעקומען (געהאט איינע ידיעה) דאס דער יעניגע קאנטאריסט וואס מיינע עלטערין האבין אוועק געלייגט שוין פון יארען לאנג ביי אים מיין נדן גאנצע פינף טויזינד רוביל האט באנקראטירט . ער האט גאט געדאנקט דאס ער איז עס מיט אטאג פריהער דער פון געוואר געווארין . אונ האט זיך פון מיר אבגעשאקעלט וויא פון איין ממזר בלבול . דען ער האט געמיינט דיא קניידלעך אונ ניט דיא הגדה דאס הייסט מיין געלט נור אונ ניט מיך . וויא דער בעגעוועטע . דעם ערסטען טאג וואס מיר האבין נאך ניט געוואוסט דיא וואהרע אורזאך פון יענעמס ניט וועלען דעם שידוך . האבין מיר אונז געקריינקט גענוג אוים שאנדע . דען פון דיא הונדערטע שידוכים וואס מען האט אונז . איבער גערעט וואר ער דער ערסטער וואס מיר האבין בעקומען פון אים איין אטקאז . אויף מארגין אלס מיר האבין אונז ערוויסט פון אונזער אומגליק דאס מיין נדן איז פערלארין האבין מיר שוין שיר דיא שלאק בעקומען . מעהר אלס פיר וואכען זייען מיר געווען וויא געלעהמט . גאנץ בעטייבט (צוא טומעלטע) . דען מיינע עלטערין האבין געהאט נאך אונזער אב פארען פון ווילנא פוילע געשעפטען . שלעכטע יארען, דאס פון איינעם נייען נדן וואר שוין קיין רייד. דיזע נייעקייט האט שוין פערשייכט (פערטריבן) יעדען שדכן פון אונזער שטוב . דען אונטער אונז אידען איז אמיידעל אן געלט וויא אמעסער אן





אשטיל וואס פעלט אים אקלינג. אדער בעסער צוא זאגען וויא חריין אן אשטיקעל פלייש . ניט איינער האט גענומען אונואזענע אויף מיינע שיינהייט אויף מיינע בילדונג . דען דיזעס אלעס איז נאך ביי אונז אידען איינע אונגילטיגע ווארע. מען איז ביי איינער פארטיי ביי אונז אידען גאנץ ספעקולאטיף (בערעכענט) וויא ביי דעם קויף איינעם פראדוקט . אונ בין אלזוי געבליבען זיצען אין דעם הויזע פון מיינע עלטערען גאנץ פערגעסען פון דער וועלט וויא איינע אוים מאדישע כתורה. אונ האב נאך דער צוא בעקומען באלד דעם ליבען נאמען אלטע מאד . יעדער בעזונדער האט מיר צוא געלייגט יארען . אונ האב אלזוי גאנצע דריא יאר נאך דעם געוויסטעס אין דעם הויז פון מיינע עלטערין וואס האבען פון דאן אן דעם טוט פערלארען . אונ געמאכט גאנץ שלעכטע געשעפטען . אונ עס איזט אזוי ווייט שוין געקומען מיט אונז דאס אין דעם אכטען יאר פון אונזער אפ פארען פון ווילנא . האט זיך שוין איינגעקוואטירט דיא ענטבעהרונג (מאנגעל) .אונ דיא נויט אזוי גאר מיט איהר גאנצע געפאלגע (קאמפאניע) אין אונזער שטוב זארג קומער געוויסענס פלאגען (גריזענע כאוועכט) פערצווייפלונג (יאוש) אונ דער צוא נאך שולדען (חובות) אונ קראנקהייטען . עס וואר אלעס וואס וואר נור אין שטוב פון וועהרט פערקויפט . פערזעצט . אום דאס נאקעט לעבען צוא ערהאלטען . אם ענדע וואר איך ניט פערשוינט . אים זעלבכט האב מיך געטוזט פערסאחערען פאר דרייא הונדערט לייזיגע רוביל אזאר אום צוא דינגען אלס גובערנאנטין אין דיזעם הויזע . אונ דאס איז מיר אויך אן געקומען דורך איינע גרויסע פראטעקציאן פון מיינעם פאטערס אנטיגען פריינד . מיין פאטער וואס וואר איין שוועכליכער מאן . האט עס ניט געקענט איבער לעבען ער איז באלד געשטארבען . מיינע מוטער לעבט נאך אונ איז אויף געוויזען נור אויף דאס ווינציגע וואס איך שיק איר פון מיינעם געהאלט .

נון מיין פריינד בין איך שוין צוא ענדע מיט מיינער צעהען יאריגע געשיכטע. נון ווייסט איר שוין אלץ וואס איר האט געוואלט וויסען. ליידער קענט איר מיך גאנץ ווייניג העלפין דער ביי. דאס דער בעסטע זאל מיך שטיצען מיט זיינעם געלטע. בין איך נאך שטאלץ דער צוא אום עס וואלען אן נעמען פון אים. בעסער איינע דינסט מאגד ווערען. אונ זיך פון אייגענע גענערען אלס פון גענאדען ברויט. אונ דאס מיין פריינד דארפט איר מיך ניט פערארגען (שלעכט דייטען). דען אזוי דארף דיינקען אונ האנדלען (טאן) יעדער איינציגער וואס האט נור עהרע אין זיינעם לייבע. אזוי מיין פריינד גייט עס דעם מענטשין אין גאטעס וועלט. וואס זיא בלייבט אונז אימער פרעמד אונ אונפריינדליך דאס מיר מוזען ניט ווילענדיג אפאלירען (אפאלאציע נעמען) צוא איינער בעסערען וועלט. אס שלימסטען גייט עס מיט אונז פרויען ביי אונז יודען צוא. זייא ווערין בעהאנדעלט וויא חמץ אום ערב פסח. דאס מען מוז נאך דעם קויפער צוא צאלען. זאנסט בלייבט עס אונגעריהרט וויא חמץ שעבר עליו הפסח. דאס הייסט וויא איין אינפערקויפטער חמץ נאך פסח וואס איז אסור בהנאה. קורץ דער פון מיינע הערצענס וואונדען זייען אזוי טיף אונ אזויא ברייט. דאס ווען אלע בעכע (טייכען) אונ שטרעמען זאלען זיך פערוואנדלען אין באלזאם וועלען זייא נאך צוא קנאפ זיין אום עס צוא היילען".

"אונ דאך זאגען זייא עס ניט" האב איך געענטפערט. עס וואַרען אין דער וועלט נאך פיל מעהר אונגליקליכע אלס איר זייט. אונ דאך האט זייא דיא צייט אום געוועהנט (גוט פריינד געמאכט) מיט דער וועלט אונ מיט דעם לעבין. פאר איין שיינעם ביישפיל דינט אונז איוב. אונ אזוי נאר אונזערע נאציאן אין גאנצין. דאס נאך אזוי איינעם לאנגען ליידען האפין מיר נאך אויף בעסערונג". קורץ געזאגט דיזע אונטערהאלטונג אונזערע מיט איינאנדער האט אונז געמאכט גענוג

געזונט



געזונט אונ איהר נאך טרערין אויף דער צוא. אונ האבין געשיידעט וויא דיא בעסטע פריינד פון איינאנדער מיט דעם פערשפרעכען דאס איך זאל איר אפטער בעזוכען. אונ האב ווארט געהאלטען אונ בין יעדעם מאל אויף גענומען געווארין פון איר פריינדליכער אונ ווארעמער. אונ אן שטאף (מאטעריע) פון וואס צוא ריידען האט אונז קיין מאל געפעלט. אויך וואר זיא זייער אפט געלאדען צו דעם מייא טיש אין דר געזעלענשאפט פון דער ווירטשאפט אין דער צייט פון מיינעם קומען אהין דען פון דער צייט אן וואס איך איר האב בעזוכט איז זיא געווארען פיל מעהר געשפרעכיגער אלס ביז אהער אונ האט אלזוי געפאסט איינעם גרויסען טרויען צוא מיר.

### .10

### "ענדע גוט אלעס גוט".

עס איז זייער שיין צוא פערשפרעכען צוא טאן גוטעס דעם אנדערען אונ צוא ערפילען עס. גאך שענער איז אונ פיל איידעלער איז צוא טאן גוטעס ניט פערשפרעכענדיג, אונ דיזער פאל וואר גאט צוא דאנקען איצונד אויך ביי מיר געוועזען. איך האב שוין פון דעם ערסטען געשפרעך אן מיינעם מיט איר ניט איין ווארט געשפראכען פון הילפע. ווייל זיא האט זיך דאך ענטזאגט פון גענאדען געלד. אונ מיך געצייגט פאר איר אלס איין בלויזער בעדויערער אדער מיטלייהדער איבער איהרע שלעכטע לאגע. אינגעהיים אבער האב איך אם געשריבען איהר עלטערען שטאנד מיט אלע ביז הערינגע אונגליקען. אונ וואו זיא געפינט זיך איצונד מיין זעהען מיך מיט איהר אונ מיין אונטערהאלטען זיך מיט איהר. איך האב עס בעשריבען זייער ריהרענד. אונ האב עס אוועק געשיקט דעם בעגעוועסטען וואס וואר דאן אין קראקע. איך האב קיין ווארט געשריבען פון געטען איר. נאך גראדע אומגעקערט איך

האב

האב עס געשריבען אין גדעם טאן ג(חנון) אלס וויא איך
וואלט אים וועלען אן זאגין דאס גאט האט זיך אן איר נוקם
געווען. אונ זיא בעריעט (האט חרטה) אויף איר פאריגען
שטאלץ. אונ ער דארף זיך אלזוי ניט קריינקען מיינענדיג דאס
זיא בעגליקט איינעם אנדערען מיט איהרע ליבע אונ מיט איהר
שיינהייט. אונ באלד דארויף האב איך בעקומען פון אים איינע
אנטוואורט. אונ איינע ערוויינצטע אנטווארט. וויא פון א מאן
פון גרויסען כאראקטער.

„אייער בריף" האט ער מיר אבגעשריבען קורץ אונד
בינדיג„ האט מיך אן שטאדט איינע פריידע צוא פערשאפען
מיך אין איינעם טיפען טרויער פערזעצט. דען עס טוט מיר
העכסט לייד אום איר. דען זעלבסט ביי מיינעם מיינע; דאס
זיא איז שוין לאנג פערהייראטהעט אונ הערצעט איינעם אנדערין.
בין איך איר נאך אלץ גוט. איך ליבע זיא נאך וויא פאראהער.
זיא איז איין געשלאסען אין מיינער געבעט (דאס הייסט ווען
איך בעט גאט פאר מיך בעטע איך פאר איר אויך) אונ פרייע
מיך דאס איך לעבע מיט איר אונטער איינעם הימעל. אונ
דאס איינע זאגע (זון) ערווארעמט אונ בעלייכטעט אונז ביידען.
איך ליבע זיא וויא איינעם געטליכען געדאנקען. אונ וויא
איינע הימעלשע ערשיינונג וויאס עס איז פערבאטען עס צוא
בעריהרען. דאהער ביי מיינעם וויסען איצונד דאס זיא געהערט
נאך נימאנדען (קיינעם) אן. אונ דאס זיא האט זיך שוין אנדערס
בעזאנען (בעדיינקט) וועגין מיר. בין איך נאך איהר פאריגער
פייעריגער ליב האבער. אום צוא הייראטהען איר אן געלט.
אן אנארדעראבע אונ זעלבסט אהנע שיינהייט. עס איז מיר
גענוג דער געדאנקען שוין דאס מיינע אן געבעטענע רעבעקא
איז מיין. געהערט קיינעם אנדערין. זאגט עס איר אין מיינעם
נאמען. אונ שיקט מיר איר יא ווארט (איין וויליגונג) מיט דער
ערסטע פאצט צוא. פאן מיר אייער פריינד הערש בעגעוועטע.

דיזעם



דיזעם שרייבען פון אים האט מיך וויא צוא זאגען
פערזעצט אין זיבעטין הימעל. דען ווענען פרייעט עס ניט
צו ערפרייען דעם צווייטען מיט גוטעס. אונ בפרט נאך אזוי איינע
אומגליקליכע וויא דיא רעבעקא ווער וואס איר עלענד איז מיר
העכסט נאהענט אם הערצען געגאנגען. אונ וואס נאך גראדע
איך האב איר דיזעם גליקזאוים געווירקט מיט דער געטליכע הילפע.
איך האב עס איר באלד מיט געטיילט. אונ עס ווער איר צוא
מוטה דאן (וויא אונזערען פאטער יעקב אלס מען האט אים אן
געזאגט דאס זיין זון יוסף לעבט נאך) דען עס האט זיך איר גאר
ניט געוואלט גלויבען דאס דער בעגעוועטע וואס ווער פון איר
פעראכטעט זאל אזוי פיין זיין. אונ נאך האער אלס זיא האט
זעלבסט געלעזען זיין שרייבין צוא מיר האט זיא זיך קוים געקענט
פאכען (האלטען) אוים פריידע.

„א„! האט זיא זיך אפגערופען„ דיזער בעגעוועטע איז פיל
מעהר אלס איין מענטש. ער איז איין איינגעל. ער פערשטייט
צוא ליבען. אונ איז ווערט געליבט צוא ווערען. העטע ער
געטען איין טאג לויגער (פארזעניק) אזוי גאר איך בין מיך
מתודה פאר אייך. דאס מיין הערץ ווער איין געגוטען פאר
אים פון דעם ערכטען אויגענבליק וואס איך האב אים דער זעהען
אונ האב מיך העכסט פערליבט אזויא גאר אין אים אבער דיא
ליבע האט קיינע שטיסע (גאלאם אדער גאלקע) ביי אונזערע
אידעשע קינדער. זיא ווערט באלד אונטערדריקט. אבגעטריבען
וויא איינע פערבאטינע פרוכט (סחור) אונ באלד דער שטיקט
אום צוא מאכען פלאץ פאר דיא פאלשע גיטער דאס לעבען
פאר יחוס פאר געלט פאר אנשטאנד. אונ דאס גלייכען
מיט דיזען וואך (דמיון) ווארען מיר אלע דרייא בעהאפטעט
(אנגעשטעקט) מיינע עלטערין אונ איך. מיר האבין פערווארפען
וואס ווירקליכעם אונ נאך געלאפין נאך אשאטען. נון איז
דייטליך ארוים צוא זעהען וויא ווער עס איז דער שפריכווארט

עהען

„זעהען (שידוכים) זייען פון גאט“ אונ דאס דיא וואס ווילען אין
אבעסערטען שידוך שטערען אדער ווערען. שטארבען אונ
פערדארבען. (וויא דער פאל וואר ביא דעם בתואל דער פאטער
פון רבקה) אונ ליידער ביא מיינע עלטערין אויך דאס מיין
זעליגער פאטער איז דורך דעם פון דער וועלט אוועק. אונ
מיינע מוטער איז געבליבען איינע ארעמע אלמנה“.

קורץ דער פון: זיא האט מיר אין דעם זעלביגען טאג
געגעבען איר יא ווארט אין געגענווארט פון דעם הערען הושיע
אקערמאן אונ פון זיינע דאמע העלענע. אונ האט דער ביא
מאנכע הייסע טרערין פערלארען. „דער שכל קומט צוא שפעט“
האט זיא דאן געזאגט. איך האב עס גדארפט טאן מיט צעהען
יאר צוריק דאן וואלט נאך מיין פאטער געלעבט ביז איצונד
אונ וואלט נאך רייך געוועזען אלזוי איינע גרויסע סומע שטראף
בעצאלט חוץ דעם וואס איך האב אוים געבראכט צעהען יאר
אין קומער אונ אין עלענד. גאנצע צעהן יאר פון דער יוגענד
דיא בליטהע (דיא בליהונג) פון לעבען“.

פון דיזעם טאג אן האט זיא אן געהייבען אויף צוא בליהען
אונ צו פערשענערען זיך וויא איינע פערוועלקטע (פערוויאנעטע)
בלומע ביא דעם אן הויכען איר איין ערקוויקענדער מאי ווינד.
אונ האט זיך אזויא פערשענערט פון טאג צוא טאג. דאס דער
בענעוועטע האט זיך ניט געקענט גענוג אפ וואונדערן צו דר וויסען
איר נאך אין אזוי איינעם הויכען גראד שיינהייט. דאס עס וואר
בענאהע (כמעט) צוא זעהען קיין שפור (סלאד) פון דיא הארטע
צעהען יאר וואס זייען איבער געגאנגען איבער איר. ער האט
איר עמפפאנגען (אויף גענומען) מיט דער זעלבע ווערמע
(ווארעמקייט). מיט דער זעלבע צערטליכקייט. מיט דיא זעלבע
ליבעם קאמפלעמענטע וויא דאן. אזויא ווייט מיינע לעזערין
קען דיא ליבע פון איינער זייט דען מענטשען פערשענערען.
אונ פון דער אנדערען זייטע בלענדען. וויא דער פסוק זאגט
על



„על כל פשעים תכסה אהבה“ דיא ליבע פערדעקט אלע מענגעל.
דער בענעוועטע האט איר געדונגען איינע בעזונדערע
קווארטיר. אונ האט צווייא מאל אין טאג בעזוכט זיינע געליבטע.
וואס עס וואר אונטער זייא געשפראכען איז עס זייא אליין צוא
וויסען. דען עס וואר קיין דריטער דער ביא. אונ צווייטענס
העטע איך עס געוואוסט וואלט איך אויך ניט געוועזען אין שטאנדע
עס צוא בעשרייבען. דען ווען אלע טייכען וואלטען געוועזען
טינט. דיא הימלען פאפיר. דיא ביימער פענעס אונ אלע מענטשין
שרייבער זייען ניט אים שטאנדע אוים צוא שרייבען וואס צווייא
פערליבטע שפרעכען אוים אין איינער שטונדע. אונ פשיטא שוין
אין עטליכע טעג.

אויף דעם פינפטען טאג וואר הויכצייט ביא זייא. אונ
באלד דארויף וואר געשיקט געלט צוא דער מוטער דאס זיא
זאל קומען צוא זייא קיין קראקע. זייא האבען זיך דארט אין
דיזעם בארע אנשטאלט (זאוועדענע) פערזאמט נאך איניגע
טאגע ביז זייא האבען אין גאנצען אוים געקורירט דארט זייער
ביז אהער געלעצטע ליבע. עס האט מיט דיזער הויכצייט
פערקלונגען דעם גאנצען דארטיגען געגענד. אם העכסט
אינטערעסאנט וואר עס פאר דיא בארע געסטע. איבער הויפט
פאר דיא מיידכען וואס האבען דארט געבאדעט. זייא האבען
דיא רעבעקען העכסט בענײדעט (מקנא געוועזען) אונ האבען
זיך געוואונצען צוא האבען דארט אזויא אגוטע קוראצע וויא
זיא האט געהאט. דען זיא איז אהין געקומען איינע נאקעטע
אלטע מויד אונ איז אוועק געפארען אלס איינע רייכע יונגע ווייבעל.
דער בענעוועטע אונ דיא רעבעקא ווארען מיר העכסט
דאנקבאר. אונ זייען מיר פערבליבען גוטע פריינד ביז איצונד
דען זייא לעבען גאנץ גליקליך מיט איינאנדער. האבען דער
לעבט קינדער אונ דיא מוטער האט ביא זייא גוטע טאגע.

עס וואר זייא זייער שווער שיידען זיך פון מיר. אונ
דאס

דאס גלייבען מיר פון זייא אונ נאכהער פון דיא אקערמאנעשע פאמיליע . אונ אזוי איז מיר שווער מיין שיידען מיך פון דיר מיינע טייערע לעזערין . דען איך האב נאך מיט דיר פילעס צוא ריידען . איך מוז מיך אבער שיידען . דען געשיכטען שרייבען איז ביי מיר נור איין פעדער שפיל . איך האב חוץ דעם צוא טאן נאך זייער פיל . איין אנדער געשעפט צום לעבען וואס קען איין שטיקעל ברויט געבען .

«איין נאכטראג»

«דאס הייסט איינע ערקלערונג איבער
דיא געשיכטע אדער איין ראזבאר» .

איך האב שוין צוואר גענומען אבשייד פון דיר מיינע טייערע לעזערין . אונ איין ריהרענדען אבשייד . נון בין איך אבער קוים פון דיר אוועק האב איך מיר דערמאנט דאס איך האב דיר נאך וואס נייטיגעס אונ וויכטיגעס צוא זאגען . אונ האב מיך אלזוי באלד אומגעקערט צוא דיר מיט גרויס אייליע וויא איין רייזענדער וואס האט פערגעסען אשאכטעלע בורלאנטען אין דער קרעצמע וואו ער האט גענעכטיגט . זייא וויסען מיינע טייערע לעזערין דאס דיזע געשיכטע איז פיל מעהר אלס איינע בלויזע ערציילונג . זיא איז ווירקליך איינע שאכטעלע וואס ענטהאלט אין זיך גאנץ טייערע בורלאנטען . אונ זאל אלזוי געשעצט ווערען פון דיר פיל מעהר אלס איינע באבע מעשה . זאלסט איר לעזען מיט אקלארען געדאנקען אונ זיין דער ביי גאנץ אויפמערקזאם . דען עס ליגט אין איר בורלאנטענע אידעען (מיינונגען) וואס קענען דיר זיין אין העלעם ליכט אין דיינעם לעבען . עס ליגט אין איר גרויס וועלט קענטניסע . גרויסע ערפאהרונג . הויפט זעכליך צוא וויסען וויא אזוי צוא זיין מיט לייטען . וויא שטאלץ איז דיא גרעסטע זינדע אונ דומהייט וואס ווערט הארט בעשטראפט פון גאט . וויא צוא

שאצען



שאצען דיא וואהרע גיטער פון לעבען אונ וואס הייסט אונ וויא טייער עס איז עכטע ליבע . אונ וואס הייסט בילדונג . אונ וואס הייסט ציוויליזאציע (דאס הייסט ערציהונג) . אונ וויא דיזעס פעלט נאך אין גאנצען ביי אונז אידען . אונ דאס איין געבילדעטער אונ ציוויליזירטער האנדווערקער . איז איין פיל בעסערער מאן פאר אטאכטער אלס איין קויפמאן אשווינדלער (אונ ווער איז עס ניט) . אונ דאס אונזער אידעשער שטאנד שטייגט אונ פאלט וויא דיא מעערעס וועלע (גלי הים) . אונ דאס איז נור ווייל עס פעהלט אונז ערציהונג . נון לעבע וואול צום ווידער זעהען .